STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00008

BASHERTKEYT

Rachel H. Korn

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Sperber & Steinfeld Families Charitable Trust

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רחל ה. קאָרן

באַשערטקייט

★

לידער

1928 — 1948

★

אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט
מאָנטרעאל — — 1949

RACHEL H. KORN
BASHERTKEIT
(KISMET)

POEMS – 1928-1948

★

COPYRIGHT
RACHEL KORN
MONTREAL
1 9 4 9

★

PRINTED IN CANADA

איך דאַנק דעם קאָמיטעט — באַזונדערס מאַשאַ ראָסקעס, אײדאַ מאַזע און מלך ראַוויטש — וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אַרויסגעבן דאָס בוך. איך דאַנק אַלע פריינט, וואָס האָבן עס דערמעגלעכט דורך גרעסערע און קלענערע בייטראַגן. ר. ה. ק.

דאָס שער־בלאַט האָט געצייכנט בצלאל מלחי

I

דאָס עלפטע געבאָט

דער אָנהויב פון אַ ליד

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

ס׳איז אַנגסט, ס׳איז אַנענדיקע שרעק,
ווי אויף דער שוועל צו גרויסן צער און לייד,
גלייך עס וואָלט עפּעס פרעמדס געשוויגן ביי דער טיר
איינגעהילט אין שווערן, גראָעם דעמערקלייד.

עס איז בראשית׳דיק און נישט דערקענט
דער ברעג, צו וועלכן ס׳שווימט אַוועק דאָס האַרץ אַליין,
לאָזט איבער אַלץ, וואָס ליב, לאָזט איבער היים און טרוים
און גייט אַנטקעגן דער פאַרקנסונג מיט דער פּיין.

ס׳האָט אַ געדאַנק זיך איינגעקראַלט אין בלוט
מיט נעגל פון אַ רויבפויגל אחריותדיק און טיף,
און לאָזט נישט אָפּ, ביז וואַנען ער דערפילט
דעם לעצטן, שלוכצענדיקן צאַפּל פונעם גוף.

און ס׳פליסט שוין יעדער טראָפּן בלוט צו דער עקדה,
ווו ס׳קען בלויז אויסלייזן פון אונטערגאַנג
און אָפּשטעלן דעם מלאָכס נאַקעטיקע שווערט
אַ נע־ונדער, וואָגלענדיקער קלאַנג.

און פּלוצים ווערט עס אַזוי שטיל אין דיר,
אַז הערסט ס׳געוויין פון פאַלנדיקע שטערן,
און ווערסט אַ קרוג, אַ לעכצענדיקע קרוג,
וואָס זאַלמט אין אין זיך דעם בלאָעם שיין פון טרערן.

און ס׳דאַכט, די וועלט איז רייפער איצט געוואָרן
און מוטערלעך די ערד צו יעדן וואָגלערס טריט,
און גאָט אַליין וועט פאַלן כורעים
פאַר אָט דער איינציקסטער, דער היילקסטער מינוט —
און ס׳איז דאָך בלויז דער אָנהויב פון אַ ליד.

כ׳בין דורכגעווייקט מיט דיר —

כ׳בין דורכגעווייקט מיט דיר, ווי ערד מיט פרילינגדיקן רעגן
און ס׳הענגט מיין בלאָנדסטער טאָג
ביים קלאַפּנדיקן דופק פון דיין שטילסטן וואָרט,
ווי די בין ביים צווייג פון בליענדיקע ליפּעס.

און כ׳בין איבער דיר, ווי דער צוזאָג פון שפע
אין דער צייט,
ווען אין פעלד גלייכט זיך אויס דער ווייץ מיטן קאָרן.

פון מיינע שפּיצנפינגער טריפט געטריישאַפט אויף דיין
מידן קאָפּ,
און מיינע יאָרן,
ווי די בייטן אינם פעלד,
ווערן צייטיק־רייף און אָנגעקוואָלן
פון צער
ד י ך צו ליבן, געליבטער מאַן.

ס׳האָט זיך צעצווײַנט —

ס׳האָט זיך צעצווייגט, צעבליט דער פרילינג אין מיין בלוט
מיט קאַרשבוימווייסקייט און בלאָעם באַרווינעק,
ווען ס׳האָט אַ בלאָז געטון מיט מערבדיקן ווינט פון דער
דערמאָנונג
איבער די בייטן פון מיין וואַרטנדיקן גוף —

און ס׳האָט אין פרוכפּערדיקער שוואַרצערד פון מיין בענקשאַפט
אַ שטילע שעה אַריינגעפלאַנצט דיין נאָמען.

כ׳שטיי אין דער מיטאָגצייט —

כ׳שטֵיי אין דער מיטאָגצייט פון דיין לעבן,
אַ זאַנג, אַ געבויגענע פון פולקייט אין מיטן פון פעלד,
וואָס האָט שוין אויסגעטון דאָס גרינע יוני־העמדל
און וואַקסט אַריין אין גילדנער זיכערקייט פון קומענ־
דיקע טעג.

ס׳שפילט די לופט מיט לילאַ־גלעקאַלעך אויף ווייטע לאָנקעס,
דער זומער שמעקט מיט ביטער־ריח פון ווילדן מאָן,
מיט פאַרענדיקער, הייסער ערד
און מיט מיינע האָר.

און ווען סע פלעכט זיך צו די בלאָנדע צעפּ דער טאָג,
און דער אָוונט קלויבט די פערל פון דער ראָסע,
פאַלט מיין ברוינער לייב צו דיינע פיס,
ווי די זאַנג, וואָס ברעכט זיך פאַרן שניטער.

ס׳בליען —

ס׳בליען מיינע ליפּן מיט דיין נאָמען,
מיינע טרוימען הענגען איבער דיינע טעג, ווי טויבן,
דורך שטאַכייטן פון מיין וואַרטנדיקן גאָרטן
נייגן זיך צו דיר פון שעה׳ען צייטיק־שווערע טרויבן.

דורך די סקיבעס פון מיין לעבן פרילינגט זיך מיין בלוט,
ווערט די בענקשאַפט סערפּנצייטיק, קלאָר,
אפשר ווייסטו נישט, ווי ס׳שמעקט דער זומער?
כ׳ברענג אים דיר אין ריח פון מיינע האָר.

ס׳בליען מיינע ליפּן מיט דיין נאָמען,
מיינע פינגער חלומט זיך דיין גוף —
ס׳גייט מיין האַרץ צו דיר דורך לאַנגע טרעפּ פון יאָרן,
שניידט די נאַכט אויף העלפטן מיט זיין רוף.

11

מיין האַרץ לויפט צו דיר —

מיין האַרץ לויפט צו דיר,
ווי א קינד אין קליינע, נייע שטיוועלעד
דאָס ערשטע מאָל אין שול,
און ס׳איילט זיך גיך און גיכער.

עס קען דאָך אויסרינען פון דער שעה דאָס בלוט,
ווי פונם האַלדז דער נישט-דערשאָכטענער טויב
און פאַרהאַלטן די טריט.

ס׳קען אריבערלויפן דעם וועג
אַ מינוט,
ווי אַ האָז מיט אויפגעשטעלטע אויערן
און פאַרפאַלן —
עס וואַרט שוין דאָס אומגליק הינטער יעדן פלויט,
און ס׳קען אויך זיין — צו שפּעט.

לויפט מיין האַרץ צו דיר
און איילט זיך גיך און גיכער,
און קלאַפּט אָן ביי דיין טיר מיט זיין שטיל-ליבסטן ציטער
— ביסטו דאָ אין דער היים?

אַ בּריוו

ווייסט, ליבסטער —
היינט איז דער טאָג אַזוי זוניק און האַרב,
ווי אַ גאָלד־געלע פּרוכט.
איך וואָלט אים גענומען
פּאַמעלעך און צערטלעך,
אַז כ׳זאָל נישט אָפּמעקן פון אים די קלאָרע פאַרב,
איינגעוויקלט אין דעם וויכן פלאַקס פון מיינע טרוימען
און געשיקט צו דיר,
ווי אַ בּריוו.

נאָר כ׳ווייס,
אַז וואָלטסט דעם „בּריוו״ צוריקגעשיקט גאָר באַלד
מיט אַ ראַנד־באַמערקונג גאָר ציכטיק און פיין,
אַז אָסור, דו פאַרשטייסט נישט, וואָס איך מיין
(עס איז דאָך, רחל, מיט דיר אַזוי אייביק, אייביק)
און ביסט גאָר בּייז,
יאָ, בּייז ביסטו אַפילו,
ווייל דער קוווערט — איז ליידיק.

איך וואָלט געוואָלט אַמאָל דיין מאַמען זען

איך וואָלט געוואָלט אַמאָל דיין מאַמען זען
און איר קושן די הענט —
מסתמא וואָלט זי אין מיינע אויגן דיך געפינען
און אַלע דיינע ווערטער, וואָס כ'האָט אויסבאַהאַלטן אין
מיין בליק

און אפשר וואָלט זי מיר אַנטקעגנגעקומען
מיט אַ שמייכל, אַ שטילן, אַ קלוגן,
וואָס בליט תמיד אויף ליפּן פון מאַמעס,
ווען זיי פילן באַשטעטיקט דורך אנדערע פרויען
זייער ליבע צום אייגענעם זון.

און אפשר גאָר —
און אפשר וואָלט מיך געוואָרנט איר בליק,
(מאַמעס וויסן שטענדיק מער, ווי אַנדערע פרויען)
פאַר דעם ווילדן צער
און דעם האַרבן גליק
צו ליבן איר זון.
איך וואָלט געוואָלט אַמאָל דיין מאַמען זען
און איר קושן די הענט.

מיין נאָמען

מיין נאָמען שמעקט מיט פאַרוויאַנעטע נעכט
און זאָרגפולט טעג.
ער האָט אריינגענומען אונטער זיך מיין לעבן,
ווי אַ בוזשל זיין נעסט
און היט אַ יעדן פינטל פון מיין אויג.

און דאָך איז ער מיר אַזוי פרעמד,
ווי אין זומערדיקן שטויב
פאַר מיין הויז
פון דורכגייער די שפור.

און טיילמאָל האָב איך פיינט מיין נאָמען —
אָנגעזעטיקט מיט מיינע האָפנונגסלאָזע טעג,
מיט מיינע נישט־דערשלאָפענע נעכט,
וועט ער בלייבן אויך דאַן,
ווען כ׳וועל לאַנג שוין נישט זיין.
און ערגעץ אויף אַ שטיק פאַפיר,
אָדער אויף גראָ־האַרטן שטיין מיר צוקאָפנס,
וועט ער, ווי אַ פעטע, שוואַרצע שפין
מיט זיין טונקלעם געוועב מיך פאַרוועבן
און לעבן, לעבן, לעבן.

ווי בערעזעס ווייסע —

דיינע יאָרן, ווי בערעזעס ווייסע
זוימען איין מיין וועג —
כ׳טראָג אין מיינע ציטערנדיקע קניען
די גאַנצע שווערקייט פון דיין נישט־דערזאָגטן וואָרט,
און מיינע ליפּן ווערן רויט און פול
מיט פרילינג און מיט דיר.

אין כמאַרנע, אַנונג־שווערע טעג פון דער דערוואַרטונג
לויפן דיינע אויגן נידעריק ביי דר׳ערד,
ווי שוואַלבן ערב שטורעם.

עס זענען אָנגעשפּאַנט מיינע טונקלע בויגנס פון די ברעמען
אין ווילדן, אוממעכטיקן צאָרן
אויף מיינע ליפּן, וואָס קענען דיר נישט העלפן.
איינגעקלעמטע אין פאַרשעמטן און נאַרישן שטאָלץ,
שטאַמלען זיי איינגעעקשנט, שטיל,
בלויז פאַר זיך אליין
דאָס, וואָס ס׳האָבן דיר שוין טויזנט מאָל
געזאָגט מיינע אויגן.

מײַנע הענט

מײַנע הענט —
צװײ װעלטן,
מיט ליניעס גלײַכע, קרומע
פֿון טײַכן, בערג און טאָלן.

דורך שמאָלע, דינטשיקע ראָװעס,
אײַנגעקריצטע פֿון טױזנטער יאָרן
פֿליסט מײַן גורל, װי אַן אומבאַקאַנט און טרױעריק װאַסער —
טײלמאָל צו דיר,
טײלמאָל פֿון דיר,
און טײלמאָל צו אַן אומבאַקאַנטן, װײַטן ציל.

די צען ראָזע־װײַסע, בלאַסע האַלב־לבֿנות
לעשן זיך קײנמאָל נישט אױס
איבער די ציטערנדיקע כװאַליעס פֿון מײַן בלוט
און היטן, װי אײביקע עדות
דעם זיסן סוד פֿון מײַנע שפּיצנפֿינגער.

און אַז עס טרעפֿן זיך טײלמאָל אין חלל פֿון צײַט
די באַזונדערע װעלטן פֿון אונדזערע הענט,
בלײַבן דעמאָלט אױף אַ רגע
אומבאַװעגלעך, שטיל,
װי פֿאַרנעפּלט פֿון צופֿיל אומגעריכטן גליק
די צװײ רױטע זונען אין אונדזערע לײַבער.

בענקשאַפט

ס׳זענען מיינע חלומות אַזוי פול מיט בענקשאַפט,
אַז ס׳שמעקט איעדן אינדערפרי
מיין ליב מיט דיר —
און ס׳טריקנט צו פּאַמעלעך אויף מיין ציינפּאַרקלעמטער ליפּ
דער איינציקער סימן פון דערשטיקטן טרויער,
אַ טראָפּן בלוט.

און ס׳גיסן שוין איבער די שעה׳ען, ווי כוסות,
איינע אין דער צווייטער,
די האָפנונג, ווי טייערן ווין —
אַז דו ביסט נישט ווייט,
אַז אָט, אַ יעדע רגע
קענסטו קומען, קומען, קומען.

מיין שטאָט

מיין שטאָט איז שטענדיק זשעדנע
דיך —
גאַסן, ווי ליפּן
ווילן צופּאַלן צו דיינע טריט.

קומסט צו חלום די ביימער אַנטקעגן מיין פענצטער
אין לאַנגע, ווינטערדיקע נעכט.
קוקן זיי דאַן אַרויף צו מיר מיט בייזקייט און חשד
און בליען
מיט טונקעלען צווייט
פון קאַװקעס און קראָען.

צוגן גייען און קומען
אין אייביקן געלויף, אין אייביקן געיעג.
מיט אָדערן פון רעלסן צעצווייגטע
פליסט די בענקשאַפט
צו אַ קליינעם פונקט
פון דער גרויסער וועלט.
דאָס האַרץ פון דער סטאַציע פיבערט
און וואַרפט אַרויס דעם רעגנבויגן פון דער בריק
דיר אַנטקעגן
צו אומבאַקאַנטע, בלויז געאנטע ברעגן.

מײַן שטאָט איז שטענדיק זשעדנע דיך
און וואַרט —
טאָמער וועט אַ פלאַטער טון אַ ווײַסער פויגל
מיט דריבנע, שוואַרצע פעדערלעך פון אותיות,
וואָס וועלן אויסזינגען אין איין איינציקן אָטעם
דער שטאָטס און מײַן נאָמען,
און אפשר, אפשר
אָנזאָגן דײַן קומען.

לידער אָן אַ נאָמען

I

שווער איז דער וועג צום ברעג פון דער בענקשאַפט,
און ווייט —
אפילו טרוימען,
אומדערמידלעכע, עקשנותדיקע וואַנדרער
באַקומען פיבער־פלעקן
און שטאַרבן פאַר דער צייט.

די טעג זענען ווי דורשטיקע הינט,
לעקן די זון מיט רויטע צונגען
און שפּירן נאָך אַלע טריט.

יעדע נאַכט שלייכן מיינע הענט פון מיר אַוועק,
ווי אַ צענפינגערדיק געבעט
מיט דער האָפנונג,
אַז ס'וועט זיי אָפּנאַרן אַ שטילער, באַרמהאַרציקער חלום
און אונטעררייקן אונטער זייערע דלאָניעס
דיין פּנים.

נאָר דער שמייכל אַרום מיינע ליפּן
איז ווי אַ לעצטער, איבעריקער וועכטער,
וואָס היט די פּאַלבריק
צו אַ חרובן גליק.

II

מיינע ווערטער ווי די הענט פון אַ בלינדן
טרעפן תמיד דערנעבן דיין האַרץ.

כ׳קען שוין אויסנווייניק,
ווי זעלטן ביי וועמען,
דיין שמייכל, דיין טרויער,
און כ׳ווייס ווי צו לייענען טונקעלע היעראָגליפן
פון דיינע שווערע ברעמען.

און דאָך איז מדבּרדיק דער שטח צווישן אונדז
אַשיק פון קאָליר,
ווי ס׳וואָלטן אַלע טרוימען אָפּגעבּרענט
פון ביידע זייטן וועג,
וואָס פירט צו דיר.

כ׳האָב פיינט מיינע ווערטער,
וואָס ס׳האָט זיי דער צער נישט זעעוודיק געמאַכט —
כ׳האָב פיינט מיינע ווערטער,
וואָס זענען נאָך אַלץ,
ווי די הענט פון אַ בלינדן
און טרעפן תמיד דערנעבן דיין האַרץ.

פאַרוויאַנעטער פרילינג

I

גערענקסט ?
כ׳האָב דיר געזאָגט אַמאָל
אין אַ פרעמדער שטאָט,
אויף אַ טונקעלער גאַס,
מיט ליפּן פאַרקלעמטע פון ליבע און האַס:
— ביסט מיין אומגליק.

האָסט אויפגעלאַכט הויך
און אין קרייז פון דיין לאַכן
מיין אומרו פאַרשלאָסן.

נאָר זינט יענעם פאַרנאַכט
קוק איך אַלץ אויף מיין האַנט און טראַכט,
און זוך די גורל־וועגן,
וואָס האָבן דיך געשטעלט מיר אַנטקעגן
אין א גאָט־פאַרלאָזענער שעה.
און פרעג ביי דער שאַרפער, איינציקער ליניע,
וואָס לויפט קווער אַדורך דורך דער גאַנצער דלאָניע,
ווי אַ גיליאָטינע,
צי וועט זי קענען דורכשניידן דעם שטריק
מיט וועלכן כ׳בין שקלאַפיש געבונדן צו דיר
אויף אומגנאָד און גנאָד ?

און אפשר וועלן מיר זאָגן ראָזע היעראָגליפן
ווער ס'האָט דיך גערופן,
צי מיין בלוט,
צי מיין טרוים?
און אפשר ביסטו בלויז צופאַל,
ווי אין מיטן פעלד דער בוים,
וואָס ווינט האָט פאַרזייעט זיין זאָמען?

איך ווייס עס נאָך אַלץ נישט,
נאָר ווען כ'פאַרמאַך די האַנט,
הער איך,
ווי אַלע ליניעס פון דער דלאָניע
לויפן זיך אין ווילדער שרעק צוזאַמען
און שטאַמלען, שעלטן, רופן
דיך, דיין נאָמען.

II

טונקעלע שאָטנס ליגן אונטער מיינע אויגן,
ווי אַ הילפלאָז געבעט,
וואָס האָט אַלע ווערטער אויפן וועג פאַרלוירן.

כ׳בין געוואָרן אַזוי שטיל,
ווי דער בוים ערב שטורעם.
יעדע צערטלעכקייט, וועלכע ס׳אַנט נאָר מיין בלוט,
האַלט איך גרייט פאַר דיר
אונטער דער דינער הויט פון מיינע שפּיצנפינגער.

נאָר ס׳ווייסט שוין מיין קישן, מיין שוועל און מיין טיר,
אַז ביסט נישט געקומען.
און אפילו די אַלטע פלאַפּלערקע, די גאַס,
וואָס פרעגט אויס טאָג־טעגלעך די קנאַפּל פון שיך
— ווהין און צו וועמען און נאָך וואָס אַזוי גיך? —
האָט דערקענט אַליין
אין דעם מידן און הילפלאָזן שריט,
אַז אויך היינט האָב איך געוואַרט אַ גאַנצן טאָג אומזיסט.

זענען אַלע שטערן פֿאַרלאָשן געוואָרן
פֿון יענער זייט וואַנט —
די נאַכט איז טרויעריק, שוואַרץ און אומבאַקאַנט,
נאָר ווי אַ רויטער שײַן,
וואָס קען נישט אונטערגיין,
הענגט נאָך אַלץ מײַן האַרץ אויף דער קלאַמקע פֿון טיר
און צוקט בײַ יעדן אומגעריכטן שריט,
און וואַרט,
דו זאָלסט עס נעמען אין דײַן האַנט.

III

עס איז נאָך אַלץ דערזעלבער הימל איבער אונדז,
ווי אַ בשותפותדיקער דאַך,
און אפשר האָבן מיר צו גלייכער צייט דערזען דעמזעלבן שטערן—
נאָר ס׳ברעכט זיך אויף אַ פרעמדער טיר דיין שמאָלער שאָטן,
און ס׳טרינקט אַן אַנדער קישן מיינע טרערן.

און מיינע ווערטער קענסטו אויך נישט הערן,
ווייל צען, צי צוואַנציק גאַסן טראָגן ווייטער נאָך אַוועק, ווי ימען,
די טראָטואַרן ווערן שטורעמדיקע כוואַליעס
און קענען יעדן וועג אויף אייביק שוין פאַרצאַמען.

איך ווייס, דו ביסט מסתמא היינט מיין טיר פאַרבייגעגאַנגען
און ווי אַ ווייטער, פרעמדער זי געמיטן —
און כאָטש ס׳איז נאָך דערזעלבער הימל איבער אונדז,
איז דאָך, ווי ס׳וואָלטן גאַנצע וועלטן זיך געביטן.

מיין וואַרטן

איך ווייס שוין, אַז עס איז אומזיסט געווען מיין וואַרטן —
כ׳האָב היינט אַ גאַנצן אינדערפרי
געלייענט דעם פלי פון קליינע פייגל
און כ׳האָב זיך עס דערוווּסט פון אונדזער קאַץ,
וואָס האָט פאַרגעסן צו לעקן
אירע ווייס־געלע פלעקן,
ווי ס׳איז דאָס איר טבע,
צום סימן,
אַז עמיץ דאַרף קומען.

און אויך דאָס פייער איז געלעגן אינעם אויוון,
ווי פאַרשעמט,
אין אַש און יאוש איינגעזונקען
און נישט געשפּרונגען אַנטקעגן אַ גאַסט
מיט אַ גאַרבן פון פונקען.

ווּעסט היינט שוין נישט קומען געוויס.

כ׳וועל אויסלעשן דעם לאָמפּ און פאַרשטעלן די פענצטער
פאַר אַלץ וואָס איז נאָענט און ווייט.
כ׳וועל דאַן מיט אַלע מיינע גלידער
זיך וואַרפן אין דער דזשונגל פון מיין איינזאַמקייט
און טאַפּן מיט געדאַנקען, ווי מיט שטילע טריט
די נאַכט,
אַז כ׳זאָל נישט אָנטרעטן אַ סיטשענדיקן שלאַנגנקאָפּ
פון דער דערמאָנונג.
דאַן וועל איך אויסשטרעקן צום גרוס די האַנט
און נעמען רעדן צו מיין שאָטן,
וואָס בלאָנקעט, ווי אַ נע־ונדניק אויף דער וואַנט.

קען פינצטער זיין —
נעם מיין הייסן אָטעם אין דיין שמאָלער האַנט אַריין,
זאָג איין וואָרט — און מיין גאַנצער טרויער וועט פאַרגיין.

ווען כ׳בין אַוועק פון דיר

האָסט געזוען אויף מיין פנים דעם שמייכל
און געמאָסטן מיין לעבן
מיט אַרשינען פון גליקלעכע טעג,
וואָס וואַרטן נאָך ערגעץ אויף מיר.

און נאָר די ברוינע ערד האָט געהערט
דאָס שטילע וויינען פון מיין שריט,
ווען כ׳בין אַוועק פון דיר.

און בלויז דאָס ווייכע גראָז,
וואָס איז געבליבן צוגעפלעטשט, דערשטיקט
אונטער מיין איינגעהאַלטענעם טראָט,
האָט געפילט,
ווי ס׳פליסט אַריין מיין האַרץ
אין די הויכע קנאָפל פון די שיך
און שמידט זיי צו צום אָרט
מיט דער שטילער האָפנונג,
אַז,
אפשר, וועסטו מיך רופן צוריק.

אָבער דער ערשטער בוים ביים ראַנד פון וועג
דורך הפקרדיקער איינזאַמקייט נביאיש קלוג,
דורך ווינט און שטורעם צו דער ערד געבויגן,
האָט שוין געהאלטן גרייט פאַר מיר
דאָס אויסגעשפּרייטע, קילע טוך פון שאָטן,
כדי צו פאַרדעקן דעם טרויער פון מיינע אויגן.

אַ ליד פון נעכטן

אַזוי צי אַזוי, ס׳איז אַלץ איינס, סיי ווי סיי —
כ׳וויס נישט ווו· דו ביסט איצט
און ווו· ס׳וועט זיין מאָרגן דיין היים.
אפשר וועל איך פאַרבייגיין לעבן דיר, ווי א פרעמדע,
דעם קאָפּ צו דער ערד געבויגן
און ס׳קען זיין,
כ׳וועל אין טומל דיך מער נישט דערקענען
מיט מיינע קורצזיכטיקע אויגן.

ס׳וועט די גאַס, ווי אַ שרינט אונדז צעטיילן
מיט קללות, געשרייען און בעטלערשער תפילה,
מיט קינדערשע וועגלעך און קוישן מיט בייגל
און דו וועסט נישט אַנען אפילו,
אַז דורך דזשונגל פון שטיינערנע מויערן
האָבן זיך גערופן אונדזערביידנס טריט,
ווי פאַרבלאָנדזעטע פייגל.

נאָר צוזאַמען מיט שטויב און מיט ווינט
וועל איך ברענגען אַ היים,
אין די פאַלדן פון קלייד
דיין ריח,
וואָס האָט מיר אומבאַוווסט אַ זעץ געטון צום האַרצן
צווישן שווייס און בענזין, פּערפומען און זייד,
ווי טבת די אָנונג פון פרילינג.

ס׳וועט פון דעם זיך מיין לעבן נישט בייטן,
געוויס,
ס׳וועט בלייבן אַלץ ווי געווען,
נאָר ס׳וועט זיך מיין קאָפּ בויגן טיפער אַ ביסל
און געבן צו טראָגן דעם שקלאַפישן טאָג
נאָך אַ טרער,
און גאָרנישט מער —

נאָר ביינאַכט וועל איך נאָכגיין יעדן וואָרט און יעדן
שמייכל דיינעם

פון דאַסניי,
כאָטש אַלץ איז שוין פאַרפאַלן,
סיי ווי סיי.

באַנגעניש

שלום קאַמפּן

I

דיין קאָפּ באַזילבערט גראָ,
ווי ס׳וואָלט מיין אָטעם געפרוירן געוואָרן
אויף דיינע האָר,
פון יענעם וואָרט,
וואָס כ׳האָב געזאָגט
קריק מיט אזויפיל יאָר.

דיינע אויגן לייענען מיינע ליפּן,
ס׳בליט אַ וואָרט, אַן איינציקעס מיט פרילינג
שמעלצט דעם פראָסט פון לאנגע יאָרן שווייגן.
ס׳שוימט און שטורעמט, ווי אַן אייזבאפרייטער טייך דאָס הארץ—
ס׳שמעקט די לופט מיט ווייסן בעז און ערשטן, בלאָעם סוד,
יעדער וועג איז ווידער חבר, יעדער בוים איז גאָט,
און יעדעס וואָרט איז
— דו.

הײַנט בין איך ווידער אַלט נישט מער ווי זעכצן יאָר,
און יעדער שטערן איז הײַנט גרויס און צוויטשערט, ווי אַמאָל,
נאָר ס׳קענען קיינמאָל מער נישט ווערן שוואַרץ
דײַנע גראָע האָר,
צו וועלכע ס׳איז מײַן אָטעם צוגעפֿרוירן
מיטן פּראָסטיקן וואָרט,
קריק מיט אַזויפֿיל יאָר.

II

פריצײַטיק איז געוואָרן אָוונט אַרום מיר —
אפילו מײַן קינדהייט,
וואָס כ'האָב אויפסניי אַנטדעקט אין דײַנע אויגן
האָט נישט געקענט פאַרטרײַבן
די שאָטנס פון ערשטע, שמאָלע קנייטשן.
מײַנע הענט וויאַנען מיט טרויער —
פאַראַנקערט צו פרעמדע, אומבאַקאַנטע וועלטן,
פאַרלירן זיי אַלץ אויפ'ן וועג,
אפילו דײַן ליבע האָבן זיי אָנפאַרטרויט דעם ווינט און
פרעמדע מענטשן.
און אויך דײַן קאָפּ האָט אָנגעהויבן דעמערן
מיט אײַזגראָע האָר
אין דעם פאַלשן רעמל פון דײַן לעבן,
פאַרשקלאָפט צו אַ טרייסטלאָזער וואָר.

בלויז דײַן מאַמע וואַרט נאָך אויף דײַן קומען
דורך טעג פון זון, דורך נעכט פון פראָסט און ווינט
און נייט מיט שטילע ווערטער אויס א ליד פאר דיר — — — —
אירע ליפּן נעמען די מאָס פאר אַ צוויי־יעריק קינד.

און אירע חלומות שמייכלען אַרײַן אין איר לעבן
דײַנע שוואַרצע אינגלישע האָר — — — —
מיט ליבשאַפט קוקט זי נאָך יענעם וועג,
ווו מיר זענען געגאַנגען אַמאָל, באַגלייט פון מײַנע זעכצן יאָר.

און זי וויל עס נישט וויסן, אַז כ׳בין שוין נישט דיין היים,
אַז איך קען דיך אַרומנעמען בלויז מיט די ווענט פון אַ ליד,
וואָס רייסט זיך אָפּ פון מיין לעבן,
ווי אַ חשוונדיג בלאַט: שטיל און מיד.

נאָר ווייס,
אַמאָל וועל איך קומען צו איר,
צוזאַמען מיט די שאָטנס פון דער אָוונט־שעה,
צו איר איינזאַמען בעט, צו איר געליימטן גוף,
וואָס איז אזוי פאַרלאָזן פון מענש און פון גאָט,
און אין אירע הענט, אירע ליפּן,
וואָס זענען נאָך וואַרעם פון דעם טרוים וועגן דיר,
וועל איך אריינפליסטערן שטיל,
דעם סוד,
אז כ׳טראָג נאָך אלץ
דיין קאָפּ מיט דעם פאַלשן רעמל פון דיין לעבן,
ווי אַ מעדאַליאָן
אין מיין האַרץ.

מיין האַנט —

מיין האַנט האָט פֿאַרגעסן אַ גלעט טון דיין קאָפּ,
געבליבן הענגען אין דער לופֿט,
ווי שטום, פֿאַרגליווערט געווײן —
ווייל אונטער די פֿינגער איז אונטערגעשווימען,
ווי אַ שיפֿל, אַ ווייס,
דער חלום פֿון אַ קינד,
וואָס האָט געקענט זיין
דיינס.

מיינע ליפּן
אין זייער גאַנצן טרויער
און האַלבן פֿאַרשטיין,
האָבן אויפֿגעציליעט
די קרעל פֿון אַ שמייכל,
כדי אָפּצונאַרן
דיך,
מיך
און גאָט אַליין.

מיינע אויגן זענען פֿאַרלאָפֿן מיט האַרבסט
ווי פֿויגלשע נעסטן פֿאַרלאָזטע אין וואַלד —
ס׳וואָלט אפֿשר אַן איינציקעס וואָרט,
אַ קלאַנג, אַ צאַרטער און דינער
געקענט צוריק געפֿינען
דעם וועג צום פֿאַרלוירענעם זומער.

נאָר מיין האַנט,
ווי אַן אָפּגעדאַרטער צווייג,
קען שוין נישט מער צערבליען אונטער דיינע בליקן.
איין איינציקע רגע
האָט אָפּגעבלעטערט יעדע צערטלעכקייט פֿון איר,
ווי דער ווינט אַ חשוונדיקן בוים
און געלאָזט זי וויגן אַ ווייטן, טויטן טרוים.

מיין האַנט איז געבליבן הענגען אין דער לופֿט,
אין מיטן פֿון וועג —
וואַרט נישט לענגער,
מיינע אויסגעשפּרייטע פֿינגער
שווימען מיטן חלום אַוועק.

אויף די טרעפּלעך פון וואַנאַן

דריי טרעפּלעך פון וואַגאַן,
ווי אַ חופּה איבער פרילינגדיקן בלאָ,
וואָס עפנט זיך מיט ערשטער קנאָספּ
פון קומענדיקער בענקשאַפט,
און איז שוין גרייט צום קרבן פון אַ לעצטער שעה.

דו שטייסט אויף העכסטן טרעפּל
אין דער מיט —
נאָר ס׳הענגט נאָך אין דער לופט איין פוס,
ווי ער וואָלט אַן אָנשפּאַר געזוכט
ביי דער לעצטער מינוט,
איידער עס וועלן זיך לאָזן אין גלות
דיין ליבע און דיין ליד.

דיין שאַליק אַרום האַלדז
אין פּאַסיקלעך ווייס־שוואַרץ,
אַזוי טרויעריק און שטייף צונויפגעדרייט,
איז ווי אַ פּעטליע,
וואָס דערשטיקט דיין לעצטעס וואָרט,
דעם פייף פון צוג,
מיין האַרץ.

אַ בריוו פון אוזבעקיסטאַן

מיין פריינט איבער ווייטע, ווייטע ימען,
איך שרייב צו דיר אַט דעם בריוו —
ס׳איז חודש מערץ אין אוזבעקישן לאַנד,
די צייט, ווען ס׳בליט דער מאַנדלבוים און דער אוריוק
אין יעדן לוקל, ביי אַ יעדער וואַנט.
נאָר ווי נעמט מען דאָס וואָרט דו זאָלסט מיך פארשטיין?
מיין האַנט איז מיד, עס מארשטשעט זיך אויף איר די הויט
און שטאַרט אַוועק ווי אַ ליידיקער זאַק,
און ס׳איז מיין גרעסטער טרוים —
אַ לאַבן ברויט.

ווען כ׳בין אַרויס אין גאַס,
איז גראָד אַקעגנאיבער הויז
געלעגן די נבלה פון אַ הונט,
ס׳האָט מיט זיין אויסגעקראָכנער פעל
געשפילט דער פרילינגדיקער ווינט.

פאַרבייגעפאָרן איז אַ וואָגן גראָד
מיט ווייסער טרומנע קווער איבערן ראָד.
אַן אַלט און זמאָרשטשעט באבקאַלע האָט אָפּגעשטעלט איר גאַנג
און זיך געצלמט מיט איר טריקנער האַנט
פאַמעלעך און לאַנג.

„דער הונגער, הונגער איז שוין ווידער אינעם לאַנד —
ערשט נעכטן האָט ער זיך געשפּילט דאָ מיטן קינד,
איך קען אים, קען אים, ס'איז מיין שכנס הינט.
און זע די טרומנע, זע איר גרייס און לענג,
אַי, וואָלטן דאָס געוועזן בעטן, טישן, בענק —
און מיינסט, אַז דער וואָס ליגט אין ווייסן קאַסטן אויסגעשפּאַנט
געשטאָרבן איז חלילה פון אַ קרענק?
ס'איז הונגער, הונגער אינעם לאַנד.

און דו מיין טייבאַלע, אַנו ווייז נאָר דיין האַנט —
ווי לאַנג מיינסט נאָך אַרומצוגיין אויף דר'ערד?
איך זע, דיין שריט איז שוין מיט טויט באַשווערט."

די זון האָט העל געשיינט,
איך בין געשטאַנען שטיל
און צו דער אַלטערס רייד זיך צוגעהערט.

איך האָב געזאָלט דיר שרייבן דאָך אַ בריוו
מיין פריינט —
געדענקסט מיין ווילדע פרייד
אין ערשטער פרילינגסצייט,
ווען ס'האָט די ערד געשמעקט מיט פרישן גראָז,
און ס'האָבן מיינע ליפּן, ווי די קנאָספּן פון אַ בוים
זיך אָנגעגאָסן מיט זאַפטן פון בענקשאַפט
און צעבליטן טרוים,
געדענקסט, מיין פריינט?

און היינט —
היינט וויל איך זיך פאַרקריכן ערגעץ אין אַ לאָך
אָט, ווי אַ חיה, ווען זי פילט שוין נאָענט די שעה פון טויט,
און ס'איז נאָך אַלץ מיין גרעסטער חלום —
כאָטש אַ רעפטל ברויט.

פערגאַנאַ, מערץ 1942.

עס איז אַמאָל

עס איז אַמאָל דיין וואָרט געווען פאַר מיר אַ היים
מיט פענצטער און מיט טירן אָפענע צום גליק,
און כ׳האָב געוווסט — נישטאָ שוין אַזאַ ווייט
פון וועלכער כ׳זאָל נישט טרעפן מער צו דיר צוריק.

און דער קנייטש אויף דיין שטערן, ווי אַ קווערשניט,
אַ טיפער
דורך דעם ברייטן און פרישן אָקער פונעם לייד,
האָט אויפגעגנומען, ווי אַ דורשטיקע בריזדע
דעם רעגן פון מיין טרויער און דעם טל פון מיין פרייד.

און צווישן דיינע אויגן און צווישן מיינע ליפן
איז דער שטח געוואָרן, ווי אַ פידלשער גוף —
ס׳האָט געפיבערט די לופט, ווי אַ סטרונע געשפּאַנטע
מיט געוויין פון מיין בלוט און מיט דורשטיקן רוף.

איצט שטיי איך קעגן ווינט און איינזאַמקייט און טרויער
אָן אַ היים און אָן דיר — אַליין,
און מיין שריט אין דער מדבר דורך הפקר און נאַכט
איז ווי ערשטע פאַרגעבונג און ווי ס׳לעצטע געוויין.

קרעלן

שענק מיר, מיין פריינט, אַ בייטשל קרעלן —
מיין נאַקעטיקער האַלדז
בענקט צו בורשטינען גלאַטע, געלע,
די טרערן פון אַן אַלטן אור־אור־וואַלד.

זייער פאַרב איז יולי־טאָג און האָניק
און בליענדיקער ליפּע־צווייג,
זייער ריח ווייטע, פאַרגעסענע בענקשאַפט,
ווי וויאַנעדיקע, אויסטערלישע קווייט.

זיי לייגן זיך אַרום דעם האַלדז
אַזוי גלאַטיק און צערטלעך און קיל,
ווי דער באַריר פון דיינע פינגער,
ווי דיין וואָרט אין דער שטיל.

מיין האַלדז איז אַזוי אומבאַהאָלפן נאַקעט,
ווי אַ הילפלאָזער שריי אין מדבּרדיקן רוים —
שענק מיר, מיין פריינט, א בייטשל בורשטינען,
טרערן פאַרשטיינערטע פון אַן אמאָליקן בוים.

עס איז מיין האַנט־געלענק —

עס איז מיין האַנט־געלענק געוואָרן אַזוי דין און שמאָל,
אַז ס׳דאַכט, עס וואָלט דיין בליק געוואָרן אים צו שווער,
און וואָלטסט געקענט אַרומנעמען עס גאַנץ, ווי מיט אַ באַנד
בלויז מיט איין איינציקער, פליסנדיקער טרער.

מיינע פינגער, ווי צען פאַרגעסענע געבאָטן
פון אונדזער אויסגעברענטן ליבע־סנה,
רעמען אַרום מיין פנים — צען בלוטיקע סימנים,
ווי וועגווייזערס צום סאַמע טיפסטן, לעצטן גרונד פון וויי.

נאָר די טיפע, שמאָלע ליניעס פון די דלאָניעס,
ווי אָדערן אויסגעליטענע, דורך וועלכע ס׳רינט אַרויס דאָס גליק,
פליסן נאָך אַלץ צו ווייטע, אומבאַקאַנטע ברעגעס
און זוכן דיינע ליפן, דיין שמייכל און דיין בליק.

צווישן מיין ליפּ —

צווישן מיין ליפּ און דיין האַרץ אַזוי קליין איז דער שטח,
פֿון מיין ליפּ צו דיין האַרץ איז דער וועג אזוי ווייט,
אַז אַ וואָרט קען דאָ ווערן פֿאַרבלאָנדזעט
און ס׳דאַרף האָבן די טרער אַ געלייט.

ס׳איז די נאַכט אַזוי נאָענט — אין דיין בליק, אין דיין אָטעם,
און ס׳איז היימלאָז מיין שמייכל אין דער שעה פֿון באַשייד
ווען עס מיידן זיך אויס די פֿאַרשעמטע מזלות
און ס׳דאַרף האָבן די טרער אַ געלייט.

ס׳חשוונט זיך אויף דיין וואַנט מיין פֿאַראייניזאַמטער שאָטן,
בלויז דאָס שווייגן אַליין גייט דעם מאָרגן אַנטקעגן —
ס׳איז די שוועל, ווי אַ שניט, און ס׳איז טרויעריק־גוט,
אַז די לעשנדע שטערן וועלן גאָרנישט נישט פֿרעגן.

אַ שעה מיט זיך

ווי האָב איך זיך געלערנט דיך פֿאַרגעסן,
און אויפגעהויבן ווערטער קעגן זיך אַליין,
ביז יעדעס וואָרט געוואָרן איז אַ שטיין.

ווי האָב איך זיך געמוזט געוויינען צום געדאַנק,
כ׳זאָל, ווי אַ פרעמדן דיך באַגעגענען אין גאַס,
און גיין פאַרביי דיר, אָט אַזוי, אָן ליבשאַפט און אָן האַס.

ווי האָב איך זיך געראַנגלט יעדן טאָג אויפסניי,
דו זאָלסט עס נישט דערקענען, נישט אַנען עס אפילו,
אַז דער זיג, וואָס כ׳טראָג אים אַזוי שטאָלץ אויף די ליפּן,
אַז דער זיג — איז מיין גרעסטע מפּלה.

דער שמייכל טרויערט

דער שמייכל טרויערט שטיל נאָך מײנע ליפּן —
זיי זענען פרעמד געוואָרן איינס דעם צווייטן,
ווי צוויי ברוגזע געליבטע
אין הוילן חלל פון פאַרטרערטע ווייטן.

פון מיין בליק, וואָס זוכט זיך ערגעץ צו פאַראַנקערן
ווערט מוטנע־טריב די אויבערפלאַך פון שפּיגל,
ווי ס׳וואָלט דער שטרענגער פראָסט געשטעלט אויף אים
זיין ווייסן, קאַלטן זיגל.

און ווי דאָס ערשטע, ברוינע בלאַט
אויף זומערדיק צעגרינטן בוים,
באַהאַלט זיך אויס פאַרשעמט מיין ערשטע גראָע האָר
און קברט שטיל איבער מיין יונגן טרוים.

מ ע ן ז אָ ג ט

מען זאָגט — עס הענגט דאָס לעבן אויף האָר —
ס׳איז אפשר וואָר —
עס קען אויך זיין אַזוי —

נאָר כ׳ווייס,
אַז אויף מיין ערשטער גראָער האָר
געבליבן איז דיין בליק
אַ רגע בלויז צו לאַנג,
אַ רגע בלויז צו לאַנג —

איז זי, מיין גראָע האָר, געוואָרן שוין אַ שטריק,
אויף וועלכן ס׳הענגט דערשטיקט
דאָס אַלץ,
וואָס האָט אַמאָל געהייסן גליק.

אַ נײַ קלייד

איך האָב זיך אָנגעטון הײַנט,
צום ערשטן מאָל
נאָך זיבן לאַנגע יאָר
אַ נײַ קלייד.

נאָר ס׳איז צו קורץ פֿאַר מײַן טרויער
און צו ענג פֿאַר מײַן לייד,
און ס׳איז אַ יעדער ווייס-גלעזערנער קנאָפּ,
ווי אַ טרער,
וואָס פֿליסט פֿון די פֿאַלדן אַראָפּ
פֿאַרשטיינערט און שווער.

שטאָקהאָלם 1947.

אויב דו וועסט מיך מאָנען

אויב דו וועסט מיך מאָנען ביים גורל אמאָל,
ווי אַ משכּון פאַרזעצטן מאָנען ביי דער צייט —
כ׳וועל פאַרמאַכן די אויגן און בויגן מיין קאָפּ
און וואַרטן אויף גורלס באַשייד.

אויב דו וועסט מיך מאָנען ביי די טויטע אַמאָל,
איז כאָטש כ׳ווייס, אַז ביי זיי איז מיין אָרט —
כ׳וועל פאַרמאַכן די אויגן און בויגן מיין קאָפּ
און נאָכגיין דיין רוף און דיין וואָרט.

נאָר, ווען כ׳וועל שוין זיין נאָענט ביי דיין טיר, ביי דיין שוועל,
און דערזען, ווי ס׳צעגרינט זיך מיט וועסנע דיין בליק —
כ׳וועל אַרומנעמען דאָן מיט די הענט דיינע קני
און בעטן און בעטן — גיב מיך זיי צוריק.

אויב ס'וועט

אויב ס'וועט אמאָל צו דיר מיין וואָרט פאַרבלאָנדזען,
טאָ שטיל עס מיט דיין אָטעם איין —
אַז ס'וועט אמאָל צו דיר מיין טרער דעם וועג געפינען,
איז נעם זי, נעם זי אין דיין האַנט אַריין.

אַז איך אַליין וועל קומען ווען ס'איז צו דיר,
פאַרמאַך דיין טיר, פאַרמאַך —
דו אפשר ווייסט עס נישט, דו אפשר זעסט זיי נישט,
אויף יעדער טרעפּ עס שטייען טויטע אויף דער וואַך.

מיר דאַכט

מיר דאַכט, כ׳בין געקומען צו פרי מיט אַ לעבן, אַ גאַנצן,
און מיט זיבן מאָל זיבן טויטן צו שפּעט —
כ׳וואָלט נאָך וואַרטן געדאַרפט מיט מזלות אין הימל,
אָדער בלייבן פאַרהוילן אין אַ שטומענס געבעט —

אַז כ׳זאָל נישט פאַרפעלן די איינציקסטע רגע,
אַז כ׳זאָל נישט פאַרפעלן אָט יענע מינוט,
ווען ס׳גייען דיינע ווערטער אויס אין צער, דעם שטומען,
ווען ס׳שלאָגט די איינזאַמקייט די וואָרצלען אין דיין בלוט,
בעת דו שטייסט געבויגן ביי דיין אייגנער שוועל
און וואַרטסט — אויף עמעצנס קומען.

איך שענק דיר

איך שענק דיר אלע מיינע זיבן יאָרן נע־ונד —
איך האָב געדינט מיט זיי נישט וויסנדיק פאַר וועמען —
זיי ליגן אין א קנייטש אַרום די ליפּן מיינע,
זיי חושכן מיט טרויער צווישן מיינע ברעמען.

זיי זענען אַזוי הימלאָז גראָד, ווי איך אַליין,
און חשוונען זיך מיטן בלעטערפאַל פון מיינע מידע טעג —
ס׳וועט זיי ביי מיר שוין קיינער קומען מאָנען,
און קיינער וועט נישט נעמען זיי מיט זיך אין וועג.

זאָלן זיי נאָכגיין כאָטש אַמאָל דער בענקשאַפט דיינער,
אלצאיינס וווהין, צו וועלכן תהומען־ראַנד —
אַז כ׳האָב שוין סיי ווי סיי נישט וואָס צו טון מיט זיי —
טאָ נעם זיי, ווי מען נעמט אַ קראַנקן פויגל אין דער האַנט.

קיינער ווייסט עס נישט —

קיינער ווייסט עס נישט, אפילו דו אליין —
נאָך זייט דעם טאָג, וואָס כ׳בין אין אָט דער שטאָט,
גייט די בענקשאַפט אום דאָ איבער אַלע גאַסן
און אַלע ביימער זענען גרינער מיט א נייעם סוד.

קיינער ווייסט עס נישט, אפילו דו אליין —
אַז ווו· איך זאָל נישט גיין, טראָג איך מיט זיך דיין בליק,
ווי א קמיעה מיט אַן איינגעקריצטן שפּרוך,
דעם שפּרוך צום גורל אזוי נאָענט און אזוי ווייט פון גליק.

קיינער ווייסט עס נישט, אפילו דו אליין —
אַז, ווען עס איינזאַמען מיט מיר די שעה׳ען שטילע,
דאַן פיר איך מיט די פינגערשפּיצן איבער מיינע ליפּן
און נעם פון זיי אַראָפּ דיין נאָמען, ווי אַ תּפילה.

וואָס העלפט —

וואָס העלפט, אַז איך פאַרשטעל פאַר זיך אַליין דעם אמת,
וואָס העלפט, אַז איך פאַרלייקן דיך אַליין פאַר מיר —
עס גייט מיין גאנצער טרויער דיר אַנטקעגן
און אַלע מיינע ווערטער פירן צו דיין טיר.

אַזויפיל יאָרן אָפּגעדינט אַ פרעמדן גורל,
אַזויפיל מאָל אַליין זיך אָפּגעזאָגט פון גליק,
און דאָ וואַרט שוין אויף מיר אַ נייע קנעכטשאַפט,
עס וואַרט אויף מיר פאַרשקלאַפונג צו דיין בליק.

ביי וועמען זאָל איך בעטן רחמים און דערבאַרמונג,
אַז ס'האָט מיין אייגן בלוט צו דיר מיך אויסגעגעבן ?
סיידן, כ'זאָל עפּענען די אָדערן און קוקן,
ווי רינסט אַרויס פון מיר מיט יעדן טראָפּן לעבן.

באַשערטקייט

צי גלויבסטו, אַז באַשערטקייט קען אַ רעד טון דורך אַן ערשטן וואָרט,
צי גלויבסטו, אַז באַשערטקייט וועט שוין קלאָר פון סאַמע ערשטן בליק,
און קענסט אַרויסלייענען פון אים דעם אוראַלטיקן שפּרוך,
וואָס איז צו גלייכערצייט דיין פּסק, דיין גזר, דיין גליק ?

עס איז דער שמייכל אַזוי אומבאַהאָלפן און קינדעריש פאַרשעמט
און שוין באַזיגט פאַרויס פון אַלץ, וואָס וועט נאָך קומען,
און ס׳ציטערן די הענט, ווייל אין דער איינער רגע
האָבן זיי דאָס גאַנצע לעבן דיינס אין זיך אריינגענומען.

איצט ווייס איך — נישט אומזיסט האָט מיך דער טויט געמיטן,
און ס׳איז געוואָרן מיר אַ קישן יעדער שטיין אין וועג,
און יעדע גרעניץ, ווי אַ זיווג האָט געפירט צו דיר,
ווי צו אַ ווייטן, נישט באַקאַנטן ברעג.

און, ווען אַפילו כ׳וואָלט געוואָרן פאַר דער צייט פאַרשניטן,
כ׳וואָלט נאָך מיין טויט געמוזט זיך אומקערן צוריק ,
אויף אויסצוטראָגן די באַשערטקייט אין מיין בלוט,
אויף אויסשעפּן די גאַנצע ביטערקייט פון לעצטן גליק.

II

בײַם גורל צו גאַסט

כ׳בין ווי די שוועל

ה. ליוויקן

כ׳בין, ווי די שוועל פון אָפּגעבּרענטן הויז
געבּליבּן צווישן חלל, אַש און אימה —
ס׳זאָל כאָטש די נע־ונדקייט האָבּן ווו צו רוען,
ס׳זאָל דאָ דער ווינט פאַרווייען אַ האַלבּ־צעפּליקטע שיימע,
עס זאָל זיך צוזעצן אַ פויגל קראַנק פון בענקען,
וואָס וועט זיך קיינמאָל מער נישט אויפהויבּן צום פליען.

און ס׳זאָל אויך די פאַרטראַכטע אָוונטיקע שעה,
וואָס איז אומזיסט געגאַנגען עמעצן אַנטקעגן,
און אומגעקערט זיך אַ פאַרשעמטע פון די אַלע וועגן,
קענען אָנשפאַרן אַ ווייל איר מידן, שטילן קאָפּ,
און מער נישט דאַרפן ענטפערן און מער נישט מוזן פרעגן.

מיר זענען געפֿאָרן צו תשליך

מיר זענען געפֿאָרן צו תשליך
אויף אַ ווייסער, אַ גרויסער שיף,
ווו· עס פֿליִען נישט מער קיין מעוועס,
ווו· דאָס וואַסער איז אָפּגרינטיק טיף.

מיר זענען געפֿאָרן צו תשליך,
וואָס ווייטער, ווייטער פֿון דאָרט,
ווו· ס׳מאָנען די קברלאָזע
ביי אונדזערע נעכט אַן אָרט.

מיר זענען געפֿאָרן צו תשליך —
אויסגעליידיקט דאָס האַרץ און די טאַש,
איז גראָ געוואָרן דאָס וואַסער
פֿון דעם צעשאָטענעם אַש.

מיר זענען געפֿאָרן פֿון תשליך,
באַפֿרייטע פֿון צער און פֿון לייד,
און ס׳דאַכט, אַז מיר האָבן זיך ענדלעך
אַליין שוין פֿון זיך באַפֿרייט.

מיר זענען געפֿאָרן פֿון תשליך
זעקס טעג און זעקס נעכט נאָכאַנאַנד,
עס האָט אונדז געזוניקט אַנטקעגן
פֿון נעפּלען דאָס פֿרעמד־נייע לאַנד.

מיר זענען געקומען פֿון תשליך —
נאָר פֿאַרוואָס אַזוי גראָ איז דער ברעג?
דאָס אַש איז אונדז דאָ נאָכגעשווימען
און אונדז פֿאַרלאָפֿן דעם וועג.

וואָרט מיינס

וואָרט מיינס, געהייליקט ביסט דורך גרויסן ליידן
און דאָך מוז איך אַ סך דיר נאָך פֿאַרגעבן —
וואָס האָסט פֿאַרראָטן אַזוי לייכט די טויטע
און האָסט פֿאַרקנסט מיך צו מיין אייגן לעבן.

וואָס פּרוווסט מיך אויסצוגלייכן מיט מיין אייגנעם טרויער,
און פֿאַלסט נאָך כּורעים אַלץ פֿאַר יעדער מינדסטער שיין,
און מאַכסט מיך היימלאָז אין אַ וועלט פֿון פֿרייד,
מיך, די בירגערין פֿון צער און וויי און פּיין.

איז אפשר צוליב דיר עס וואַרטן אַלץ אומזיסט
די אַלע קברלאָזע אינעם לאַנד פֿון טרערן ?
זיי וואַרטן, אַז איך זאָל זיך אומקערן צוריק
און זיי דורך דיך, מיין וואָרט, אויפֿסניי געבערן.

צי לוינט עס נאָך —

צי לוינט עס נאָך צו זוכן נייע וועגן,
ווען יודאַס איז געוואָרן יעדער וועג און שטעג,
וואָס פאַרקויפט צום פרעמדן גורל פאַר אַ שיבוש
מיינע יאָרן הפקרע און טעג —

צי לוינט עס נאָך פאַרטיידיקן דאָס לעבן,
צי לוינט עס נאָך?
ווען כ׳וויס פאָרויס, אַז ס׳ווערט אַ נייער שקר
געבוירן אויף דער שטול פון בראָך.

צי לוינט עס נאָך צו בענקען און צו וואַרטן
אויף שטילע ווערטער און אויף גרויסע וואונדער,
אַז ס׳וואָגלט אום דער נס אין בעטלערקליידער
מיט אויגן אויסגעשטאָכענע און בלינדע —

וועדטער

ווערטער פאַרבראָכענע, ווי די הענט פון אַן אבל,
ווען ס׳גייט יעדער אבר אַנטקעגן דער פּיין —
איך הער, ווי עס קנאַקט יעדעס קנעכל באַזונדער
אין זייער געראַנגל מיט שטומען געוויין.

ווערטער פאַרבראָכענע, ווי די הענט פון אַן אבל —
און פּרווו זיי פונאַנדערצוררייסן, צעשיידן
פון זייער פאַרקנסונג צום זיווג פון צער,
פון זייער דורך גורל פאַרגרייטער עקדה,

זיי וועלן זיך וואַרפן און וואַרגן און וואַרגן
דיין נאַקעטן האַלדז, דיין געשריי —
זיי מוזן שוין בלייבן אַזוי אָ, פאַרבראָכן,
ווי די הענט פון אן אבל פאַרשטאַרטע אין וויי.

ווער ס׳איז היינט נע־ונד

ווער ס׳איז היינט נע־ונד און ווער ס׳האָט היינט ביינאַכט
זיין אייגנס נאָך אַ טרער, זאָל קומען דאָ צו מיר —
כ׳האָב שוין פאַרהאָנגען ס׳פענצטער, אויסגעלאָשן ס׳ליכט
און צוגעגרייט דעם כּיבוד ביי אַן אָפנער טיר.

איך טייל זיך מיט מיין איינזאַמקייט, ווי מיט א שטיקל ברויט,
וואָס ציטערנדיקע פינגער ברעכן דורך אינמיטן —
מיר דאַכט, ס׳וועט קיינער בלייבן דאָ פאַרשעמט
און קיינער וועט נישט ווערן אויסגעמיטן.

און מיט מיין אָרעם וואָרט כ׳וועל טיילן זיך מיט אייך,
ווי ביטער ס׳זאָל זיין טעם נישט זיין און סמענדיק דעם גומען —
מיט דער פּאַפּירנער, ווייסער סטעזשקע גייט עס דאָך צו גאָט
און טראָגט צו אים דאָרט אייער טרוים און אייער צער,
דעם שטומען.

לידער פון תפיסה

I

געבעט אין דער נאַכט

אַ, העלף אונדז צושווומען צום דערלייזנדיקן ברעג פון אַ שעה,
דורך דעם פינצטערן חלל פון נאַכט,
פון ווייטן טורעם־זייגער רייס אַראָפּ א קלאַנג, ווי אַ צייטיקע
פרוכט —
מיר ווייסן נישט: איז שוין חצות, צי ערשט האַלב אויף אַכט?

דאָס קליינע, צעלעכצטע שיפל פון אונדזערע חלומות
בלאָנקעט דורך דעם שטח פון דער שמאָלער צעל,
וויל זיך צושלאָגן דורך צעכוואַליעטער פינצטער
צו איין איינציקער לבנה־שוועל.

שיפברוכיקע פון אַ צעווילדעוועטער צייט
קלאַמערן מיר זיך אָן אָן יעדן ליכט־שטראַל פון אַ
ווייטן גאַס־לאַמטערן —
נאָר זעלטן קומט אַ וואָרט פון פאַרביסענע ליפּן,
שניידט די שטילקייט, ווי אַ פאַלנדיקער שטערן.

דריי מאָל געהייליקט דורך אונדזער אומזיסטיקער בענקשאפט
צו טאָג און צו זון,
קרעטעווען מיר אין די קאַרצערס דורך לאַנגע מעת־לעתן
און קומען דאָן אַרויס מיט וואַנזין אין די אויגן;
טונקעלע פּיליגרימען פון דער טרויריקסטער פּראָצעסיע.

האָסט אונדז געבינדן מיט שטריק פון פינצטערניש,
האָסט אָפּגעטון פון אונדז דיין ליכטיקייט און גנאָד —
אפשר ווילסטו אונדז שטראָפן פאַר יענע בונטאַרן,
וואָס האָבן אמאָל זיך פאַרמאָסטן קעגן דיר אַליין, גאָט?!

און דורך שטומער ברודערשאפט מיט גראָעם, האַרטן שטיין
אין לאַנגער, אומענדלעכער נאַכט
אויסגעפיבערט דעם געטלעכן פונק
און אונטערגעצונדן דעם סוד פון דיין מאַכט?

זיי זיך נישט נוקם מיט קליינלעכער שנאָה
פאַר יעדן אמאָליקן בונטאַר —
לאָז אונדז זען, ווי עס קניפּט זיך די נאַכט מיט דעם טאָג,
קום אַ פרייער צו פרייע און פאָדער, אָ, האַר!

לאָז אונדז געוועלטיקן איבער דעם בלאָנדן קאָפּ פון שוועבאלע,
צו וועלכן ס׳ציען זיך אונדזערע פינגער אין טרייסטלאָזע נעכט,
און גיב אונדז צוריק די ממשלה איבער אַ לאַבן ברויט,
אונדז, די פאַרקנעכטעטע צו יעדן מינדסטן קנעכט.

עס זענען די ווענט אַרום אונדז גראָער שטיין,
אין אונדזער ברודערשאַפט מיט זיי ליגט טיפער, טיפסטער סוד
פון אַמאָליקן פונק, אַמאָליקן פראָמעטעי
פון דיין הימל, דיין מאַכט און פון דיר אַליין, גאָט!

אָ, לאָז אונדז צושווימען צום ברעג פון אַ שעה,
אונדז, וואָס מעסטן די צייט בלויז מיט אייגענע שאָטנס
אויף נאַקעטע ווענט,
ווייל מיר ווערן דערטרונקען אין טונקעלעם חלל פון נאַכט.

זע, עס פירט אונדז די בוסאלע פון אונדזער אייגן האַרץ
דורך די פיבערנדיקע טרוימען פון אַ גאַנצער וועלט
און ס׳שטרעקן זיך ווי ווייזערס האָפערדיקע הענט.

II

נאַכט

געחתמעט מיט שווייגן
פאַלט צו די נאַכט,
ווי אַ טרומנע־דעק,
פון זייגער זעקס אָונט
ביז זעקס אינדערפרי —
ס׳שלאָגט די טרומנע צו
אין דער קווער,
דורך דער מיט
דעם וועכטערס האַרטער און שפּיציקער שריט.

אין פאַרחתמעטן קאַסטן קען שוין קיינער נישט קומען,
חוץ דעם טויט טאָר קיינער נישט באַטרעטן די צעל —
און וואָלט זיך דער דערלייזער דאָ צו קומען דערוועגט,
וואָלט אויך ער געמוזט וואַרטן ביז קאַיאַר ביי דער שוועל.

בלייבט דער מענטש מיט זיין גורל און מיט זיך אַליין.

ס׳גיט טיילמאָל אַ שאַרך פון געלעגער דאָס שטרוי
און אַ שלוכצן רייסט דורך די נאַכטישע טאָמע —
שאַרן ווערטער זיך צו: „וואָס איז דאָ געשען?״
„אָ, חבר, ס׳איז גאָרנישט,
עס האָט זיך מיר בלויז געחלומט מיין מאַמע״.

און שטאַרבט פּלוצים אַ מענטש אין מיטן דער נאַכט
צווישן נאַקעטע ווענט, אין דער טונקעלער תּפיסה,
איז די פינצטערקייט שווער אַזוי און געדיכט,
אַז אפילו דער נאָענסטער פריינד
קען נישט אראָפּלייענען פון זיין פּנים דעם ווונטש,
דעם איינציקסטן ווונטש אין לעצטע מינוטן פון גסיסה.

ס׳פאַלט אַריין דאָס ליכט אומגעפרעגט,
ס׳פאַלט אַריין דאָס ליכט אומגעריכט,
ווי אַ הונט אַראָפּגעלאָזט דורך ווערכטערס האַנט.
גיט אַ נישטער, אַ זוך, שפּירט נאָך יעדן ריר,
און ווערט דאַן פאַרלאָשן פון י ע נ ע ר זייט וואַנט.

און ווידער פאַלט צו די נאַכט, ווי אַ דעק,
צוגענאָגלט מיט ווערכטערשע שריט
ביז צום גראָלעכן דעמער,
ביז צום דעמערנדן טאָג,
וואָס ברעכט אויף די חתימה זייגער זעקס אינדערפרי
מיטן גרעלן געקלאַנג, פון אַ גלאָק.

III

דער מענטש — אַליין

אַלע געטער האָבן דיך פאַראָטן, מענטש,
אַלע מענטשן האָבן דיך פאַרלאָזן, מענטש,
ווען ס׳איז צוגעפאַלן הינטער דיר
די שווערע, אייזנבאשלאָגענע טיר.

דער גראָער מונדיר,
נישט פאַר דיין מאָס גענייט,
וואָס נעכטן האָט אין אים אַריינגעוויינט
אַ מערדער ערב טויט,
אָדער אַ לונגענקראַנקער שוסטערשער געזעל
האָט אין אים אריינגעפיבערט זיין לעצטן, שענצטן טרוים,
שטאַרט היינט אַוועק פון דיינע גלידער, ווי אַ צו גרויסע פעל.

לאָזסטו איבער אויף גאָטס באַראָט
דעם הימל, די שטערן און דעם עשאַפאָט,
און גראָבסט זיך אונטער דער אויבערפלאַך פון ערד
דורך קאַרצערס פינצטער און שמאָל
צום פאַרמאַכטן האַרץ פון דער וועלט —
ביז ס׳גיבן זיך אַ וואַקל די הייזער
אויף דער דינער, אויבערשטער שאָל.

און ס׳דאַכט זיך:
וווּלקאַנען ברעכן אויף, ווי אַ צייטיק געשוויר —
דאָס הויבט זיך בלויז די ערד
איבער דיין שווערן און איינזאַמען שריט
און איבער דיר.

אַלע מענטשן האָבן דיך פאַרלאָזן,
מוזסטו ווערן הונדערטפאַכיק מענטש —
אַלע געטער האָבן דיך פאַראָטן,
מוזסטו ווערן טויזנט־פאַכיק גאָט,
אַז אין דער בלום, דעם צאַרטן וווּנדער־סוד
וואָס ס׳קנעטן דיינע פינגער אויס פון תפיסה־ברויט
זאָלן שיינען אַלע פרילינגען
און קנאָספּן אַלע בלומען,
וואָס מען האָט אין אַלע, אַלע צייטן
פון מענטשנס לעבן אויסגעמעקט און גרויזאַם צוגענומען.

שפּעט־האַרבסט

דער נעפּל איבער מיר איז ווי אַ גראָער טרוים
און הימלאָז זענען היינט געוואָרן אַלע שטערן —
אריינגעפּרוירן אין דעם ערשטן, האַרטן, בלויען פראָסט,
עס הענגען אויף די צווייגן זייערע שטילע טרערן.

דאָס שמאָלע טייכל מאַרשטשעט זיך אין אַנענדיקער שרעק
און גייט ארונטער אונטער אייז מיט אַלע גרינע גרעזער —
אַלס לעצטער שיפט זיך נאָך צום צווייטן ברעג אַריבער
דער שאָטן פון דער איינזאַמער, פאַרלאָזענער בערעזע.

עס פורעמט אויס דער פראָסט אין ערד, ווי אויסגעהאקט
אין שטיין
די שפּורן פון אַ באָרוועס קינד, וואָס איז דאָ היינט פאַרביי —
זיי וועלן בלייבן שוין אַזוי אַ גאַנצן ווינטער שטאַר,
אַ נעסט פאַר שטערן פאַלנדע, אַ נעסט פאַר ערשטן שניי.

דער שיפּער ברעג

אײדע מאַזען

װי ליפּן דורשטיקע, צעשפּרונגענע פֿון תּאווה
דער הויכער, שיפּער ברעג אַרום דעם שמאָלן טײַכל —
עס שאָטנט זיך בלויז אין דער מיט אַן אויסגעקרימטע װערבע,
װי דער טרויער נאָך אַ װײַטן, לאַנג־פֿאַרגעסנעם שמײכל.

ס׳דערלאָזט נישט װילדע מיענטע דאָ אַהער קיין אַנגעלאָף
פֿון גרעזער,
היט מיט עקשנותדיקער קנאה אירע דזשונגלדיקע רעכט,
דערשטיקט אַ יעדע גלאָק פֿון בלום, טרינקט אויס איר
זון־געל האָרץ,
װען עס דערװעגט זיך איינע בלויז נענען צו איר געפֿלעכט.

ליבעלן בלוי־באַפֿליגלטע, דער לופּטס „פֿאַרגעס־מיך־נישט״
דערמאָנען בלויז דעם טײַך זײַן ליבע פֿון אַמאָל
צו ניעזאָבודקעס, װאָס האָבן אים באַזוימט מיט בלאָעם טרוים,
בעת ער האָט זיך אַ ריס געטון פֿון קוואַל צום װײַטן טאָל.

און איצט װאָראָזשעט נאָר די אַלטע, מידע װערבע,
לייגט אויס װי קאָרטן אויפֿן טײַך די בלעטער געל און דאַר
— עס קערט זיך גאָרנישט אום, װאָס איז אַמאָל אַװעק,
פֿאַרגעס און פֿליס דײַן װעג צום לעצטן ברעג פֿון צער —

אויך איך פֿליס מיטן טײַך און כ׳װייס נישט װוּ אַהין,
ס׳פֿאַרשטעלט די װילדע, האַרטע מיענטע מיר דעם װעג
צו קינדהייט לאַנג פֿאַרגעסענער און צו יענע טעג,
װען כ׳האָב געקוקט דער װעלט אין פּנים פֿון דעם הויכן ברעג.

77

שטיקערייען

ס׳איז דורכגעשטאָכן מיט נאָדלען
דאָס האַרץ פון אַ יעדער שעה,
זי בלוטיקט מיטן טיפקאָליר פון רויטן זייד
אויף ווייסן, קילן לייוונטלייב.

און אויף דעם פרישן קבר פון אַ נייעם טאָג
וואַקסט אויס אַן אויסגעשטיקטע בלום.

פון צימערווינקלען קוקן
צעוואָרפענע אויף טישטעכלעך און קישנס רישעליע
קעפּ
מיט ליידיקע און וואָגזיניקע אויגן
אויף פּלייצעס שמאָלע, טיף־געבויגענע פון יונגע פרויען.

און יונגע יאָרן ליגן מיט די פּנימער באַהאַלטן
אין פעלד פון גילדנע זאַנגען אויף אַ סאַמעט־דעק,
און טאָג און נאַכט,
נאַכט און טאָג
שטיקט די צייט
מיט בלאָ־פיאָלעטן אָדערנגעוועב
אויף אויסגעבלייכטע, מידע פרויענהענט
די מוסטערן פון איינזאַמקייט און טרויער.

טיי

דאָס זשומענדיקע סאַמאָוואַרנליד אין שטילן בין־השמשות —
אויף ראָזאַ־בלאַסן פאַרצעלאָן דער אויסגעמאָלטער חלום
פון אַן אויסגעבענקטן לאַנד:
אַ קליין, קאָקעטיש קעפל פון אַ געישאַ,
מיט פערלמוטער־שטערן דורכגעשפּיזט די נאַכט פון אירע האָר.

די וואַרעמקייט איז, ווי דאָס לאַשטשען פון אַ ווייכער קאַץ
אַרום דעם האַלדז, דעם פּנים און די הענט.
די שטילקייט טרוימט איר טרויעריקע מעשה:
— אַמאָל איז געווען א מלך...

און צוויי פּאָר אויגן מעסטן אויס די לענג פון פּערציק פרילינגס
מיט קורצע, שאַרפע ווירעס פון די קנייטשן
און בלייבן נעכטיקן ביי ווינטערדיקע שוועלן פון די ליפּן,
ווי נע־ונדניקעס, וואָס זענען מיד פון גיין.

און צוויי פּאָר הענט,
וואָס קענען גאָרנישט געבן און ווילן גאָרנישט נעמען,
שטרעקן זיך אויס פאַרשעמטע, ליידיקע
און טראָגן צו די אָפּגענאַרטע, שמייכלענדיקע ליפּן
דעם זומערדיקן אַראָמאַט פון ווייטן מזרח.

אַ מעשה׳לע פאַר קליינע קינדער און פאַר גרויסע דיכטער

ס׳איז געווען אין אַ צייט,
ווען עס גייען די וועגן
די מזלות אַנטקעגן,
און עס שווייגן די טאָלן
אין דער שעה פון באַשייד.
אַלע פעלדער פאַרוואָלקנט
מיט דער בלוטיקער זריעה
און ס׳איז יעדער באַרג ווידער,
ווי יענער, דער באַרג פון מוריה.
נאָר עס קומט נישט קיין ווידדער
צו פאַרבייטן דעם זון,
ווען דער פאָטער שטרעקט אויס זיינע הענט,
און דעם קרבן נעמט אָן ברוך הוא —
עס ווערט יצחק פאַרברענט.

זענען דעמלט געשטאַנען
אויפן שיידוועג פון דורות
קעגן ווינט, קעגן נאַכט, קעגן ווײ —
דיכטער צוויי.

האָט איינער געזאָגט פון זיי ביידן:
— אויב אַזוי איז דער גזר,
אַז געפּרוּווט זאָל מיין פאָלק זיין דורך ליידן,
ווייל עס האָט ווידערשפּעניקט
און געזוכט נייע געטער,
איז מסתמא, דער אויבן, גערעכט —

ווײל איך זײן פֿון מײן פֿאָלק דער וועקער און רעטער,
כ׳ווײל אויסראָטן ס׳אומקרויט פֿון קנעכטשאַפֿט און זינד
ביז צו דעם פֿערטן געשלעכט.
איך ווײל ווערן גאָטס אָרעם,
זאָל מײן וואָרט זײן די שווערט
פֿאַר יעדן, וואָס האָט
פֿאַרשוועכט גאָטס געבאָט,
זײן מאָנענדע שטים נישט געהערט.

ווי נביאים אַמאָל
ווײל איך גײן איבער טאָל,
איבער וועגן פֿול שלאַנגען און שטײנער,
ביז ס׳וועלן מיר נאָכגײן אי קרום אי בלינד,
אי מאַן, אי ווײב, אי זקן, אי קינד,
אי פֿון די טויטע די בײנער.

און אויב נויטיק איז טאַט,
וועט מײן וואָרט — אַ סאָלדאַט
גײן אין הײליקער שלאַכט
קעגן פֿינצטערער מאַכט.
אויב ס׳איז פֿאַלן באַשערט
פֿון אַ קויל, פֿון אַ שווערט,
בין איך גרײט, בין איך טויזנט מאָל גרײט.

נאָר אין יאָרן אַרום,
צווישן טאָוולען פון צייט,
וועט נאָך גליען מיין וואָרט
מיט זיין שטראַליקן רום.

ס׳האָט דער צווייטער געשוויגן,
געשוויגן גאָר לאַנג,
ווי ער וואָלט אין זיין שווייגן פאַרמאַכן געוואָלט
פון הימל און ערד דעם ציטער און קלאַנג.
דאַן האָט ער זיין פנים פאַרשטעלט מיט די הענט,
ווי אין תפילה פאַרבענקטער צו מזרח געווענדט —

— אָ, העלף מיר, מיין האַר,
זאָל מיין וואָרט זיין די שוועל
פאַר אַן אָפענער טיר,
איבער וועלכער עס טרעט
יעדער איינער, וואָס גייט
און וואָס וואָגלט צו דיר.

און העלף מיר, אָ דו, באַרמהאַרציק און גרויס,
זאָל מיין וואָרט זיין אַ קלייד
צו פאַרדעקן דעם בלויז,
צו פאַרדעקן דאָס לייד
פון מיין פאָלק.

זאָל מיין וואָרט זיין די היים
פאַר אַ היימלאָזער טרער
און פאַר די, וואָס אינערגעץ
וואַרט שוין קיינער אויף זיי,
וואַרט שוין קיינער נישט מער.

און איך בעט ביי דיר, גאָט
אין מיין טיפסטן פאַרטרויען
צו דיין חסד און גנאָד —
פאַרן עירוב פון רום,
ווי פאַר שווערסטן נסיון
שלאָג מיין וואָרט מיט דיין צאָרן,
לאָז מיין וואָרט ווערן שטום.

און אויב דו האָסט באַשטימט
מיט דיין רצון און מיין
אויסצופרווון מיין פאָלק
יעדעס מאָל אויף דאָס ניי
דורך חורבן, פאַרוויסטונג און פּיין —
זאָל מיין וואָרט זיין דאָס ערשטע,
זאָל מיין וואָרט זיין דאָס ערשטע,
וואָס וועט אונטערגיין.

און גאָט ברוך הוא,
וואָס אומבאַקאַנט זענען זיינע הייליקע דרכים,
האָט אויסגעהערט גנעדיק דעם שטילן באַגער,
און פאַרשטעלט מיט אַ טרער
דעם הימל פאַר אים,
ווו· ס׳שטרויכלען און ס׳פאַלן די שטאָלצע מלאכים.

וואָלפּס־בעז

ס׳איז חודש מערץ —
אין דעבערעס און אין וועלדער פון מיין היים
בליט איצט דער וואָלפּס־בעז לילאַ־בלאָ.

ס׳איז נאַקעט נאָך אי קוסט, אי בוים,
נאָר אין דער מיטאָגדיקער שעה
נעמט ערב־פרילינגדיקער טאָג
אויף שטייפע הערנער פון די קנאָספּן
דעם ערשטן ברייטן בוזשלען־פלוג,
דעם הימל וואָלקנדיק און גראָ.

און מיט די סטעזשקעס פונעם וואַלד,
און מיט די דעבערעס פייכט און טיף
ציט שוין מיט בענקשאַפט שאַרף און ווילד
פון חיות אויפגעוועקטע טריט
און מיטן זיסלעך־האַרבן ריח
פון וואָלפּס־בעזס קליינע לילאַ שטערן,
וואָס האָט זיך איבער נאַכט צעבליט —

אַמאָל, ווען כ׳האָב געבראַכט אין שטוב
אַ צווייגל ברוין מיט לילאַ שטערן
איז פון דעם זיסלעך־שווערן ריח
די נאַכט געוואָרן, ווי אַ וואַלד
מיט וועלפיש־גרינע, זשעדנע אויגן,
מיט טריט פון חיות קעציש ווייך —

און עמיץ האָט, פאַרפירט פון ריח,
אין אָט דער נאַכט דעם וועג פאַרלוירן,
און עמיצס בלוט איז רייף געוואָרן
ביים שווערן ריח פון קליינע בליטן,
און ס׳האָבן זיך אין אָט דער נאַכט
מזלות אויפן וועג צו זיך,
ווי פרעמדע אויסגעמיטן.

אַלטע פרויען קויפן בלומען

זיי קלויבן לאַנג ביי די פאַרקויפערינס די בלומען,
זיי בויגן זיך אַריבער איבער יעדער קנאָספּ און בלאַט,
ווי ס׳וואָלט נאָך אַלץ אין אָט די הערצאַלעך געלעגן
אַ פאַריאָרטער שוין, פאַרבאָרגענער פאַראַט.

זיי קלויבן, ווי זיי וואָלטן זיך געדונגען מיטן גורל,
און אויף אַ רגע ווערט דער בליק פאַרשלייערט, מאַט און ווייך —
ווייל אָט די פאַרב דאַרף אויפוועקן אַ לאַנג פאַרגעסענע בענקשאַפט
און עפּעס מוז אויפסניי באַגראָבן יענער ריח.

אין זייערע אויסגעקרימטע און צעקנייטשטע הענט
ווערן די שענצטע בלומען מיד מיט שפּעטן־זומער־טרויער,
גלייך ס׳וואָלט זיי אויפגעמאָנט ביי די פאַרוועלקטע הענט,
ווי אַ משכּון, אַ פאַרזעצטן דער בית־עלמין טויער.

דאָן פּוצן זיי זיך אויס אין זייער שענצטער טראַכט,
ווי צו געפעלן יענעם בערגל ערד, דעם גוט באַקאַנטן היכל,
און גייען מיט די בלומען אין די הענט אַהין, ווו ס׳דאַכט זיך זיי,
אַז עמיץ וואַרט נאָך אַלץ אויף זיי, אויף זיי און זייער שמייכל.

זון־בלומען

זיי ווילן אויסזען, ווי דיביימער, פעסט און שטאַרק און הויך,
גלייך ס׳וואָלט אינמיטן פעלד צעוואַקסן זיך אַ וואַלד —
נאָר דער מאַרך פון זייער שטאַם איז קרישלדיק און ווייך
און אויסגעגעבן צו אַ יעדער דרויסיקער געוואַלט.

זיי פּרוון צו אַנטלויפן פון דער ערדס געזעצן
און רייסן זיך פון זייער וואָרצלדיק געפלעכט,
גלייך עס וואָלט צווישן זיי און ערד אַ יעדן טאָג אויפסניי
אָנגעגאַנגען אַ פאַרביסענער, פאַרביטערטער געפעכט.

זיי שטרעקן זיך צום הימל, צו דער בלאָער הייך
און גרימירן זיך אין אויסגעבאָרגטער שיין —
ווי שקלאַפן איינגעשפּאַנטע ביי אַ פרעמדן גורל
דרייען זיי זיך נאָך דער זון, ביז צו איר אונטערגייין.

זיי שפּילן, ווי אַקטיאָרן זייער איינשטודירטע ראָל
אין קרוינען פון געליישטן, העלן גאָלד־פּאַפּיר —
אַ פרעמדער ווילן פירט זיי דורך דעם טאָג,
ווי דורך אַ סצענע און באַוואַכט אַ יעדן ווענד און ריר.

זיי שטייען שטאָלץ, ווי ס׳וואָלט אויף זיי זיך אָנגעשפּאַרט
דער הימל,
ווי ס׳וואָלט די זון אַליין געוועזן פון זייער האַרץ די רויז —
נאָר דאָס מינדסטע כמאַרקאָלע פּאַרקנסט זיי צו דעם עבר
און מיטן ערשטן שאָטן לעשן זיי זיך אויס.

דאַן לאָזן זיי אַראָפּ די גרויסע, מידע קעפּ,
ווי ס׳וואָלט די דעמערונג געווען צו אַ שווערע לאַסט,
ווי זיי וואָלטן מיטאַמאָל פאַרשפּילט דאָס אייגנע לעבן
און געקומען צו דעם גורל אייגענעם צו גאַסט.

איצט ווייסן זיי — נישטאָ מער קיין אַנטרינען פון דער נאַכט,
ווייל יעדע שעה, וואָס מאַכט דעם הימל נידעריקער, גרויער,
פלאַנצט די פינצטערניש אַריין אין זייער רונדן האַרץ
און בייגט זיי טיפער צו דער ערד און צו דעם אייגנעם
טרויער.

„וואַסילי בלאַזשענני" *)

ער איז נאָך אַלץ דער פאָן פאַר אַלע גרויזאַמקייטן
און יעדעס יאָהרהונדערט געקרייציקט ווערט אויפסניי
אויף די פּאָרטאַלן זיינע, וואָס שטייען ווי עדות שטומע
און קוקן אויף דעם שאַנד־פלאַץ פון מאָרד און טיראַניי.

אַ כישוף־מעשה'לע, לעגענדע און פאַרטרויען
פון גלויביקער נשמה אין גאָט און זיינע נסים,
שטייט ער דאָ, דער קלויסטער אונטער צפונס הימלען,
ווי אַ המשך פון דעם לאַנד פון זון און קיפּאַריסן.

ווי גרויס און טיף געמוזט האָט זיין די קנאָה
פון גרויזאַמען איוואַן צו יענעמס טרוימערס אויגן,
וואָס האָט אין די קופּאָלן רונדע איינגעשלאָסן
די זון, די שטערן און דעם גאַנצן רעגנבויגן.

בעת ס'האָט דער צאַר דערפילט זיך, ווי אַ קנעכט פון
זיינע קאַזעמאַטן,
צו וועלכע ס'האָט אים צוגעשמידט די נאַכט פון זיין שגעון,
און אים פאַריאָגט פון יענער וועלט, ווי ס'לייזט נאָך
אויס אַ טרער
און מיט א יעדער בענקשאַפט נעמט דער הימל
טיפער, טיפער בלאָען.

ווען שטילע שעה׳ען האָבן אָפּגעוועלקט אונטער מחשבות זיינע,
האָט דער צאַר צונויפגענומען קעגן אָט דעם פרעמדן
די גאַנצע פינצטערניש, וואָס האָט אין אים געהערשט
און באַפוילן די תלינים זיינע אים צו בלענדן.

דאָן מיט די אייגנע הענט דערוואָרגן אַלע גלעקער
און מיט נאַכט פאַרהאַנגען אַלע שפּיגלען, פענצטער,
עס זאָל קיין קלאַנג נישט אויפמאָנען ביי אים פאַרפּיי־
ניקטע, געטויטע
און ס׳זאָלן אים נישט נאָכקוקן די אַפּלען, ווי געשפּענסטער —

נאָר אין דער מיט פון פּעצטעררויז יאָרהונדערט אויס און איין,
ווי איינגערעמט און איינגעוועבט אין פיל־קאָלירטע נעצן,
גליט נאָך אַלץ דער בליק פון די געבלענדטע אויגן
און באַוואַכט אַקעגן נאַכט פון צאַרען און טיראַנען
פון אייביקייט און ליכט די הייליקסטע געזעצן.

* אויפן „רויטן פּלאַץ״ אין מאָסקווע, אַקעגן קרעמל שטייט דער „וואַסילי־בלאַזשענני״־קלויסטער, אַ וווּנדער פון אַרכי־טעקטאָנישער קונסט.

אין די אַלטע רוסישע קראָניקעס ווערט איבערגעגעבן די געשיכטע פון דעם דאָזיקן קלויסטער. דער צאַר איוואַן גראָזני האָט געוואָלט פאַרחידושן די וועלט מיט אַזאַ קונסטווערק, מיט וועלכן אַלע זאָלן אים מקנא זיין. ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון איטאַליען איינעם פון די, אין יענע צייטן באַרימטסטע בוי־מייסטערס און אים באַפוילן אויסצובויען אַ קלויסטער, וואָס זאָל זיין דאָס שענסטע פון אַלע ביז איצט אין דער גאַרער וועלט אויפגעבויטע. ער קען נעמען פון זיין שאַצקאַמער גאָלד און זילבער וויפל עס איז נאָר נויטיק.

ווען דער קלויסטער איז געוואָרן פאַרטיק זענען מענטשן געבליבן שטיין פאַרגאַפטע און געפּלעפטע פון זיין גרויסער שיינקייט.

האָט דער צאַר געלאָזט אַריינרופן דעם קינסטלער, אים פריינטלעך באַלוינט און געפרעגט, צו וואָלט ער געקענט אויפ־בויען נאָך אַזאַ קלויסטער.

„פאַרוואָס נישט — האָט געענטפערט דער תמימות׳־דיקער איטאַליענער — אפילו נאָך אַ שענערס״.

דעמלט האָט דער צאַר באַפוילן זיינע קנעכט אַריינצו־וואַרפן דעם בוימייסטער אין תפיסה און אים אויסשטעכן די אויגן.

זאָל דער „וואַסילי־בלאַזשענני״ בלייבן אַלס איינציקער אויף דער וועלט.

די קוקאַווקע

מיט געלן פּוך פון ערשטע באַזיעס אויף די איוועס
שמעקנדיק בראשיתדיק און האַניקדיק און זיס,
און ערשטער אויפגעשיינטער גרינקייט פון בערעזעס,
וואָס וואַשן אין דער קילער ראָסע זייערע ווייסע פיס,

קומט פון דעם צווייגיקן געפלעכט דער העלער קוקו־רוף,
אַ צוזאָג פון באַשערטקייט, אַ גורלדיק געבאָט,
גלייך וואָלטסט דערהערט, ווי ס׳קלאַפּט דער דופּק פונעם וואַלד
און פאַרקנסט דיך צו זיין טיפסטן, סאַמע לעצטן סוד.

דאָס איז די קוקאַווקע, וואָס קיינמאָל בויט זי נישט קיין נעסט
און זאָגט זיך אָפּ פון מוטערלעכן נחת און פון היים,
גלייך זי וואָלט געוואָלט פאַרמשפּטן דאָס לעבן,
גלייך זי וואָלט געוואָלט פאַרשעמען זיך אַליין.

זי לייגט די אייער בגנבה אין אַ פרעמדער נעסט,
ווי ס׳טרעפט, ווי ס׳לאָזט זיך נאָר, אויף גאָטס באַראָט,
אַלץ איינס, צי ס׳איז אויף ממזרשאַפט און אומקום,
אַלץ איינס, צי אויף געטריישאַפט פרעמדער און אויף גנאָד.

און זי אַליין ווערט טרעפּערקע פון מענטשלעכע מזלות
און רופט זיך איבער מיט די טרוימען זייערע און באַגערן,
און נעמט אין זיך אַריין דעם ציטערדיקסטן גלויבן
און בינדט זיך צו אַליין צו יענעמס גליק און טרערן.

איז אפשר טאַקע טראָגט אין זיך דער פויגל אוראַלט־וויסן,
אַז דער, וואָס וויל פאַרנעמען גורלדיק באַשייד,
דער מוז זיך אָפּזאָגן פון וואַרעמקייט און היים
עס זאָל זיין איינזאַמקייט אַ סגולה זיין צו פרעמדן לייד?

* * *

עס בלייבט דער מענטש ביים ראַנד פון וואַלד און
האָרכט זיך איין,
ווי ס׳ציילט אים אָפּ די קוקאַווקע מיט העלן קלאַנג די יאָרן,
און ס׳בלייבט פאַרחידושט שטיין אין מיטן גראָז דער האָז,
גלייך ער וואָלט אויך אַ תושב ביי דער אייביקייט געוואָרן.

און ס׳גייט דער מענטש אַ היים מיט זאַטקייט אַנגענומען,
מיט פולסטער זיכערקייט אין זיינע לאַנגע טעג,
און ס׳ווערט אים אייגענער די היים, די שוועל, דאָס בעט,
ווי ס׳וואָלט ארומגענומען זיי אַ נייער, פעסטער ברעג.

נאָר טיילמאָל טרעפט, עס גייט אַ יונגער מענטש פאַרביי
פירנדיק אונטער דער האַנט זיין שמייכלענדיקע כלה,
און גיט אַ פרעג פאַרשייטערהייט, אין שפּאַס,
(ער גלייבט נישט, אַז דורך קוקאווקע ווערט לעבנססוד נתגלה).

„דו, זאָג מיר נאָר, ווי לאַנג ז׳מיר נאָך באַשערט צו לעבן ?״
און מיטאַמאָל איר רוף עס האַקט זיך איבער,
ווי ס׳וואָלט אים עמיץ דורכגעזעגט אינמיטן,
און ס׳ברעכן זיך ביים מענטש די קני און ס׳ציטערן די גלידער.

די פייגל אין די צווייגן הערן אויף צו זינגען,
האָרכן זיך איין אין עכאָ, וואָס שלוכצנדיק פאַרגייט,
און ס׳דאַכט זיך פּלוצים אויס, עס איז דאָ עפּעס פרעמדס
אין וואַלד, געקומען פון אַן אומבאַקאַנטער ווייט.

און שטיל איז איצט דער וואַלד און טונקעלער די שטאַמען,
גלייך עס וואָלט יענעמס שאָטן צוגעוואַקסן צו די
ביימער —
אַ יונגער פויגל גיט אַ פּישטש אין אַנענדיקער שרעק,
און ס׳בלייבט דער וואַלד נאָך שטילער, שטילער און געהיימער.

און לאַנג, גאַר לאַנג לאָזט זיך די קוקאַווקע נישט הערן —
אפשר איז זי אין אַ ווייטן, טיפן קוסט פאַרפלויגן,
און געלאָזט דעם מענטש זיין אייגנעם חשבון מאַכן,
און קוקן אויף דער וועלט מיט אויפגעריסענע אויגן?

און אפשר האָט זי זיך פאַר זיך אַליין דערשראָקן,
וואָס זי, גראָד זי איז צו דעם טויט אַ שותּפטע געוואָרן,
און געלאָזט מיט אים אַ מענטשן אויג אויף אויג,
אין אַ טאָג פון מאַי, אַ לויטערן און קלאָרן.

דורות

מיין מאַמע האָט ליב געהאַט אַן אַנדערן
און איז געוואָרן דאָס ווייב פון מיין טאַטן —
ס׳האָט יענעמס בילד פאַרגעלט, פאַרבלאַסט פון לאַנגע יאָרן
געשמייכלט פון איר אַלבום סאַמעטענעם, אַלטן.

ווען זי האָט אויסגעגנייט אַ האַנטעך, אַ סערוועט,
אין רויטן זייד אריינגעשטיקט איר בענקשאַפט, איר באַגער,
פלעגן לויפן די שטעך, ווי שמאָלע ריטשקעס בלוט
באַזילבערטע, באַזוימטע מיט איר שטילער טרער.

מיין באַבע — ווער קען היינט פאַרשטיין דאָס לעבן
פון אַ באַבען —
כ׳געדענק בלויז ציטערנדיקע הענט און שמאָלע, בלאָע ליפּן.
ווער קען עס וויסן היינט, צי ס׳האָט מיין זיידע שאַיע
זי געליבט,
ווי שווער עס איז געווען איר גליק און וואָס זי האָט געליטן.

ס׳איז פון איר נישט פאַרבליבן קיין בריוו, קיין שטיק פּאַפּיר,
נאָר טעפּ פאַרדראַטעוועטע אויפן בוידעם, עדות שטומע
פון געוועזנער וואָר —
ווען ס׳איז איר מאַן געשטאָרבן איז זי געבליבן אַן אַלמנה יונגע
מיט פינעף קינדער, דער יונגסטער זון אַ יתומל פון
קנאַפּע זיבן יאָר.

האָט זי איינגעפּלאָנצט אַ סאָד, אַ סאָד געדיכט און ברייט,
ביימער אין שורות גלייכע איינס ביי איינס, געגרייט,
כדי אַרומצוצוימען ס׳נייע, נאַקעטיקע הויז
און איר אייגנע, גרויסע איינזאַמקייט.

און איך — מיין טאַכטער איז איצט אַלט געוואָרן זעכצן יאָר,
געגנוי ווי איך אין יענעם טאָג פון יענעם חודש מאַי,
ווען ס׳האָט אַ שטילע שעה אריינגעפּלאַנצט אין מיר
דאָס ווונדערלעכסטע וואָרט,
און ס׳האָט געשמעקט מיט ווייסן בעז, מיט פרילינג און
מיט שפּיל פון וויטן סאָלאָווי.

אַ פּעקל בריוו אין שאַנק, אַ שמאָלינק בענדל לידער
אָט דאָס אַלץ איז דאָס אַש פון מיין לעבן —
איצט זע איך געגנוי — כ׳בין געווען צו נאָענט פון מיין גליק,
בין איך געלאָפן אַלץ פאָרויס, אַלץ פאָרויס — און דערנעבן.

כ׳וואָלט מיין טאָכטער געזאָגט — ניטע, ניטע, ניט יאָג,
לאָז דיך פירן פון דער אויסגענייטער, רויטער ריטשקע בלוט,
האָרך, וואָס ס׳רוישן די ביימער אין דער באָבנס סאָד
און וואָס ס׳פּליסטערט פאַרטראַכט און פאַרטרויערט מיין ליד.

נאָר ווי קענען באַנעמען אירע זעכצן יאָר
פון פאַרגאַנגענע לעבנס דעם ציטער און טרויער?
ס'הייבט זיך אָן ביי איר אַלץ אויפסניי, אַלץ אויפסניי —

זי גייט און ס'גייען די שאָטנס איר נאָך און קושן איר שפור,
און ערגעץ אויף אַ צווייג פון ווייסן בעז
פיבערט אויס זיין ליד דער ווייטער סאָלאָוויי.

חוה

מסתמא וואָלט ער נאָך ביז היינט צוטאָג
געפּאַשעט גאָטס חלומות אין גן־עדן,
ווי סטאַדעס שאָף אויף שטערנדיקן גראָז,
און נישט געקענט דאָס גליק פון אַ באַגעגנען
און נישט געווו·סט פון טרויער פון צעשיידן,

ווען נישט זי, דאָס ווייב, די אשה, חוה,
וואָס האָט אין יענער שעה, ווען אָדם האָט גערוט
איינגעוויגט, באַרוישט פון דער גן־עדן פּראַכט,
דערפילט, ווי ס׳קנאָספּט אין איר אַ בענקשאַפט אומבאַקאַנט,
און ווי דער צער שלאָגט זיינע וואָרצלען אין איר בלוט.

האָט זי זיך אָפּגעבראָכן פון דער רו· און שלוה,
ווי אַ פרוכט פון אייגנער צייטיקייט באַשווערט
און מיטאַמאָל דערזען די נאַקעטקייט פון הימל
און די גאַנצע טרויעריקייט פון גליק,
וואָס איז צו קיינעם נישט פאַרקנסט, פאַר קיינעם נישט
באַשערט.

און מיט דער ערשטער, שטילער, פליסנדיקער טרער,
וואָס האָט פאַר איר פאַרשטעלט דעם הימל מיט די שטערן,
איז חוה רייף געוואָרן פאַר דער ערד,
וואָס האָט זיך פּלוצים אויפגעמאַכט פאַר איר
אין דער גאַנצער, גרויסער פּיין פונעם געבערן.

ר ח ל

עס האָבן ווינשל בליענדע דעם הימל אויפגעשלאָסן
פאַר מיין מאַמעס ווערטער באַרוועסע און שטילע,
נאָר ס׳האָט ביים עירוב פון מיין ערשטער טרער
זיך אָפּגעשטעלט דער ניגון פון איר תפילה.

כ׳האָב זיך פאַרשעמט, ווי כ׳וואָלט אַליין געשטאַנען דאָרט,
אין דער גליענדיקער היץ פון יעקבס יונגע אויגן,
און ווי ס׳וואָלט צו דעם ברונעם אונטער שווערן שטיין
מיין אייגן גורל די פאַרשמאַכטע ליפּן צוגעבויגן.

נאָר ס׳זענען שוין פאַרחתמעט יעקבס וואַרטנדיקע יאָרן
דורך די געלע, שאַרכענדיקע בלעטער פון דער תחינה,
און ס׳קענען זיי נישט אויסלעשן די זיבן הייסע טרערן,
און רחלס טרויער קענען נישט פאַרשטעלן לאָנקעס גרינע.

און ס׳פירט מיך שוין מיין מאַמעס דאַוונענדיקער ניגון
אויף בית־לחמס שטייניק־האַרטע, וויסטע וועגן,
און כ׳זע שוין יעקבס קאָפּ אונטער דעם גראָעם אַש,
און וויל שוין מער נישט הערן און דאַרף שוין מער
נישט פרעגן.

נאָר אויב ס׳איז טאַקע וואָר, אַז ס׳שטאַרבן יונגערהייט
די, וועלכע גאָט אַליין פֿאַרקנסט און אויסדערוויילט
האָט דורך אַ קוש אין שטערן אין שעה פֿונעם געבוירן
צו גרויסער ליבשאַפֿט און צו גרויסן לייד,

דאַן וויל איך שטאַרבן אויך אַזוי, ווי יענע,
וואָס כ׳טראָג איר נאָמען און עס האָט איין גורל אונדז געזויגן,
כ׳וויל שטאַרבן ערגעץ אויפֿן וועג צו בענקשאַפֿטס־ברעגעס
ווייטע,
נאָר מיט אַ לעצטן קוש אין מיינע ביידע אויגן.

עס ליגט שוין אויף דער גאָרטנבאַנק מיין מאַמעס אלטע
תחינה.
און איך שטיי אַלץ נאָך וואַרטנדיק אונטער דעם ווײנשל־בוים—
ס׳איז פֿול דער קרוג, דער ליימענער מיט וואַסער קלאָר
און קיל
און ס׳בייגט אים אָן מיין לינקע האַנט צו ליפּן פֿונעם טרוים.

נאָר פֿאַרוואָסזשע הייסט דער פֿאַסטעך פֿון מיין טאַטנס שאָף
נישט יעקב, נאָר איוואַן — און פֿון זיין גאַרטל בליצט
אַפּיר אַ האַק,
און ס׳ליגט שוין אין זיין בוזעם אָנגעגרייט
פֿאַר מיין מאַמעס שבת־קלייד דער זאַק?

שאולם טאַכטער

צי קענען אויף אַן אמת קעניגסטעכטער אַזוי וויינען,
ווי דו, שאולס טאַכטער, מיכל, האָסט געוויינט,
אַז דיינע טרערן האָבן דורכגעריסן אַלע בלעטער פון תנ״ך,
און כ׳פיל נאָך זייער זאַלציקייט אויף מיינע ליפּן היינט?

איך ווייס, דו האָסט געטראָגן, ווי צו אַן עקדה
די יונגע גלידער דיינע פול מיט שרעקעוודיקן ציטער
צו פּאַלטיאלס חופּה־בעט, און איבער דיין געלעגער
דער שאָטן פון אַ פידל איז געווען — דער דריטער.

דיין פאָטער האָט זיך איינגעשפּאַנט אין קיניגשאַפט,
ווי אין אַ יאָך,
און ווי אַמאָל די ערד, געאַקערט הערצער יעדן טאָג אויפסניי,
און געוואָרט, אַז אויפגיין ליבשאַפט זאָל צו אים,
ווי זריעה אינם פעלד ראש־חודש נאָך פאַרזיי.

צי מיינסט, אַז ס׳האָט דיין פאָטער וויניקער פון דיר געליבט
דעם יונגן פידל־שפּילער, וואָס האָט אויסגעפּילט זיין נדר?
און דאָך — דער קעניג זאָל נישט מוזן בעטלען ליבע ביי
אַ פרעמדן,
האָט ער אין דודס האַרץ געטון זיין שפּיז אַ שליידער.

דיין פאַטער איז געווען קראַנק אויף שטאָלץ, ווי דו אויף ליבע, מיכל,
און ביי דיר און יהונתנען צוגענומען די ירושה
פון שטאָלץ, פאַרויס אויף גאַנצע קומענדיקע דורות
און איך געלאָזן פון הכנעה די ביטערקייט און בושה.

נעכיי וואָלטסטו מיט ברודער דיינעם יהונתנען
זיין שטאָלץ אונטערגעשפּאַרט אין זיינע שווערסטע שעה׳ען,
ווי חור און אהרן משהס הענט אין שלאַכט מיטן עמלק,
דער קעניג זאָל נישט אונטערגיין אין נאַכט פון זיין שגעון.

דו אָבער און דיין ברודער, איר זענט נאָכגעלאָפן מיט געטריישאַפט
און געבענטשט, געהיטן יעדע מינדסטע שפור
פון דודס ווייטע טריט — בעת עס האָט דער טרויער
געוויאַנעט אין דער נאַכט פון דיינע מידע האָר.

פאַרוואָס האָסט נישט פאַרגעסן אים און נישט אַרויסגעריסן
פון זיך, אַט ווי מען רייסט אַרויס אַ קראָפּעווע, אַ דאָרן,
אים, וואָס האָט געלאָזן דיך אַליין אין פאָטערס הויז
אויף נעכט פאַראיינזאַמטע און אויף דעם מלכס צאָרן?

איצט פרעג איך נאָכאַמאָל בײַ דיר —
צי קענען אויף אַן אמת קעניגסטעכטער אַזוי װײנען,
װי דו, שאולס טאָכטער, מיכל, האָסט געװײנט,
אַז דײַנע טרערן האָבן דורכגעריסן אַלע בלעטער פון תנ״ך
און כ׳פיל נאָך זײער זאַלציקייט אויף מײַנע ליפּן הײַנט?

און אויך מײַן לעבן רופט זיך מיט דײַן גורל איבער —

מײַן פאָטער, װי דער זון פון קיש געאַקערט האָט די ערד
און אויסגעגאַנגען איז ער אינם פורפור פון זײַן אויס־
געקײַכטן בלוט,
און מיר פון זײַנע פעלדער בלויז געלאָזט די סטעזשקע
צו קינדהײט מײַנער און צום שטילן ניגון פון פּיוט.

איבער מײַן נאַכט סע פיבערט אויף אַ שמאָלער שאָטן,
און מיר צוקאָפּנס פלאַמט דער „מנא תקל״ פון אַ קרבן־
מאָנענדיקן װאָרט
(איך װײס אפילו פון מזבח דעם נאָמען און דאָס אָרט)

און דאָך פאַרבײַס איך מײַנע צײַן און איך פאַרקלעם די ליפּן,
עס האָט מײַן שלוכץ נאָך קײנמאָל קײנער נישט געהערט,
און מײַן בליק, נאָך פול מיט די נישט אויסגעװײנטע טרערן
גײט ערגעץ װײט, אַ גאַנצן דור פאַרויס,
און מאַכט דאָרט פּײכט אַ שטיק פאַרדאַרטע, מדבּרדיקע ערד.

עס האָט אַ זאַנג געצייטיקט זיך אין פעלד

די קינדער פון „אונדזער קעמפ״
אַ מתנה

עס האָט אַ זאַנג געצייטיקט זיך אין פעלד,
האָט זיך אַ מענטש פאַר איר אין תפילה איינגעבויגן,
ווי פאַר אַ נס — און דאַן מיט זיך אַהיימגעטראָגן
איר גאַנצע זוניקייט אין זיינעביידע אויגן.

עס האָט אַ קלאַנג געבלאָנדזשעט אויף דער וועלט
פון לאַנגן וואַגלען ציטערדיק און מיד,
האָט אים אין זיך אַ דיכטער אויפגענומען
און אים אַ היים געגעבן אין זיין ליד.

עס האָט אַ קינד געאיינזאַמט אין דער נאַכט,
זיין רוף נאָך מאַמע אייגענער דערשטיקט אין הייסע טרערן —
ס'האָט קיינער נישט געהערט, נאָר ס'איז געקומען גאָט
און אים אין שלאָף אַ שטילן קוש געטון אין שטערן.

אויך איר האָט ווען־ס אַמאָל געזען די זאַנג אין פעלד
און אויך געהערט דעם נע־ונדן קלאַנג מסתמא,
און ס'האָט צו אייער האַרץ דערטראָגן זיך דער רוף
פון יענעם קינד, וואָס האָט געלאָזט אין גאַז־אויוון זיין מאַמע.

טאָ נעמט זיי אַלע אויף, גיט זוניקייט פון זאַנג
דעם קינד, וואָס וועט אַמאָל צו אייך דאָ קומען,
זאָל עס אַ שמייכל טון דאָ גלייך מיט אייך צוזאַמען,
ווי ס'שמייכלען פון דעם טל אַפיר פרימאָרגן בלומען.

ה. לייוויק

צו לייוויקס זעכציק יאָר

מען האָט געמוזט ביי דעם אריינגאַנג איינבויגן זיך טיף,
כדי נישט אָנצושלאָגן מיטן קאָפּ אין נידעריקן באַלקן,
ווי אום צו בוקן זיך פאַר גרויסער אָרעמקייט פון שטוב,
וואָס איז אין יעדן ווינקל דאָ געלעגן אויסבאַהאַלטן.

ס׳האָט אין אַ קאַלטער כסלודיקער נאַכט
דער גרויסער צער ,וואָס גייט פון דור צו דור
זיך אָפּגעשטעלט ביי אָט דער קליינער שטוב
און איינגעזאַמלט זיך אין ערשטן שריי פון בכור.

ביים פלאַם פון פאָטערס רויטער, שטרענגער באָרד
פאַרגאַנגען איז אַ קינדהייט טרייסטלאָז און פאַרשעמט,
און ווי אַ וווּ-נד אויף ס׳גאַנצע לעבן שוין געלאָזן
די נישט געשטילטע בענקשאַפט צו שטילע, מילדע הענט.

נאָר ביי דעם פלאַם פון אָט דער ברייטער באָרד
האָט אָנגעצינדן זיך אַ קינדערשער פאַרלאַנג
באַשייד צו געבן אַלע עוולות פון דער וועלט
דורך קרבן פון דעם אייגנעם גוף, דורך וואָרטס פאַר־
טיפטן קלאַנג.

און נישט אויף אויסצולייזן זיך אַליין דורך וואָרט,
נאָר זיך דורך אים אַריינקנעטן אין רויען, גולמדיקן ליים,
אַ תיקון געבן אַלעם, וואָס דאַרשט נאָך דער דערלייזונג,
דורך דער באַהעפטונג מיטן זיווג פון אַ מינדסטער שיין.

וויל עמיץ האָט געמוזט פאַרקנעכטן זיך צום לייד,
וויל עמיץ האָט געמוזט מחדש זיין די פיין
און ערוב זיין פאַר אַלע פרעמדע זינד —
האָט ער אויף זיך גענומען דאָס אַליין.

דאָס „זיידנע העמדל" פונעם קינד צעריסן האָבן ווינטן
און אַנגעקליידט דעם יינגלס גוף אין קייטן האַרט און שווער —
עס שניידט זיך זייער קלאַנג אַריין נאָך היינט אין
אונדזער אויער,
זיי זשאַווערן ביז היינט פון זיין און אונדזער טרער.

ווו· איז ער נישט געוועזן? — נישטאָ אַזאַ עקדה,
צו וועלכער לייוויק זאָל נישט שלעפּן זיך אַליין,
אַז טאָמער דאַרף מען עמעצן פאַרבייטן,
וועמען ס׳האָט אויסגעפּעלט דער כוח אַ קרבן זיין.

ער איז געוועזן אין טרעבלינקע — אויך דאָרט איז ער געווען,
ס'זענען נאָך אָפּגעסמאַליעט זיינע טעג פון קרעמאַטאָריום־פייער,
און צו די גאַז־קאַמערס פון בעלזשעץ און מאַידאַנעק
האָט ער געגעבן זיינע נעכט צושטייער.

ער שטייט ביי אַלע קרייצונגען און וועגן,
ער שטייט און היט די עירובס און די צאַמען,
עס זאָל ביי זיי נישט שטרויכלען דעם דערלייזערס טריט,
משיח זאָל אין רגע נישט פאַרזאַמען.

נאָר ליידיק איז דער וועג און ווו·נדיקט מיט דער שפור
נאָך בע־ונדע טריט, נאָך פייער, רויב און מאָרד —
קערט ער זיך אום פאַרשעמט און זעט די גאולה אויפגיין
ביי דעם פיבערנדיקן דופק פון זיין וואָרט.

אַזויפיל וויסן אַרום די ליפּנווינקלען זיינע
און אַזויפיל אַנענדיקער טרויער אין די אויגן,
ווי ער וואָלט שוין פאָרויס אַ יעדנס זינד פאַרגעבן
און אַלע עוולות, וואָס האָבן טיפער אים געבויגן.

און פּאַר זיין אייגנער, גרויסער איינזאַמקייט
איז, דאַכט, די גאַנצע וועלט אַרומיקע צו קליין,
לעכערט זי דורך מיט זיך די הימלען און גיהנומס
און שפּאַרט זיך אין דער אייביקייט אַריין.

מאָנטרעאל, דעצ. 20, 1948

ה י י ם

פון וויפל לענדער שטויב אויף דיינע פיס, מיין פאָלק,
פון וויפל קרייצן אויף דיין גוף דער בלוטיק־טיפער שניט,
און האָק געשאַרפט אויפסניי ביי יעדן שטיין
שטענדיק איבער דעם קאָפּ און נאַקן פון איעדן ייד.

וואָס פאַר אַ פאָלק האָט נאָך אַזעלכענע אַגודת,
ווי ס׳פירט אַיעדעס וואָרט צו דער עקדה
פון תקופה ביז צו תקופה יעדן דור אויפסניי,
פון זקן ביז צום אייניקל — די גאַנצע עדה.

פון אינקוויזיציע־פלאַץ אין שפּאַנישן טאָלעדאָ
דורך געטאָ־מויערן פון מאַינץ און אַמסטערדאַם,
ביז קישענעוו, מאַידאַנעק און טרעבלינקע,
ווי מיילן־שטיינער: בילבול, מאָרד און פלאַם.

אויטאָ־דאַפעס פון גופים און פון ספרים,
ביי וועלכע ס׳ווערט די שנאָה צו דעם קרבן צייטיק —
נאָר העכער נאָך פון פלאַמען און פון רויך
און העכער פון דעם אייגנעם צער און ווייטיק

III

דער טרוים, דער טרוים פון יענעם ווייטן לאַנד,
וואָס ס׳האָט געקושט מיט זיינע דורשטיק־הייסע סטראָפן
הלוי, ביי די פרעמדע ברעגעס פון הישפּאַניע
אין גליִענדיקער בענקשאַפט און אין שטילן האָפן.

פון גרעניץ ביז צו גרעניץ און פון בראָך צו בראָך
געטראָגן האָסט, מיין פאָלק, דיין טרוים אין אותיות פון ספרים,
און אויפן האַרץ דאָס לייוונטענע זעקל מיטן ביסל ערד
פון ד אָ ר ט, אויף דעם צוקאָפּנס פאַר די גלות־קברים.

געבענטשט זאָל זיין די שעה, מיין פאָלק, ווען קערסט זיך אום
אין לאַנד יענעם פון אַלע סטאַציעס פון דיין פּיין,
און ס׳לערנט דיך דער קוואַל, דער פעלדז, דער זומפּ,
דער שטיין
דאָס וואָרט, דאָס לאַנג־פאַרגעסענע באַנעמען און פאַרשטיין —
דו שטאַמלסט עס, דו שלוכצסט עס אויס, דו זינגסט עס אויס —
מיין היים.

רשימה

I

דאָס עלפּטע געבאָט

דער אָנהויב פון אַ ליד 5
כ׳בין דורכגעווייקט מיט דיר 7
ס׳האָט זיך צעצוויגט 8
כ׳שטיי אין דער מיטאָגצייט 9
ס׳בליען 10
מיין האַרץ לויפט צו דיר 11
אַ בריוו 12
איך וואָלט געוואָלט אַמאָל דיין מאַמען זען 13
מיין נאָמען 14
ווי בערעזעס ווייסע 15
מיינע הענט 16
בענקשאַפט 17
מיין שטאָט 18

לידער אָן אַ נאָמען

I 20
II 21

פאַרוויאַנעטער פרילינג

I 22
II 24
III 26

מיין וואַרטן	27
ווען כ׳בין אַוועק פון דיר	29
אַ ליד פון נעכטן	31
באַגעגעניש	33
II	35
מיין האַנט	37
אויף טרעפּלעך פון וואַגאָן	39
אַ בריוו פון אוזבעקיסטאַן	40
עס איז אַמאָל	43
קרעלן	44
עס איז מיין האַנט־געלענק	45
צווישן מיין ליפּ	46
אַ שעה מיט זיך	47
דער שמייכל טרויערט	48
מען זאָגט	49
אַ ניי קלייד	50
אויב דו וועסט מיך מאָנען	51
אויב ס׳וועט	52

מיר דאַכט 53

איך שענק דיר 54

קיינער ווייסט עס נישט 55

וואָס העלפט 56

באשערטקייט 57

II

ביים גורל צו גאַסט

כ׳בין ווי די שוועל 61

מיר זענען געפאָרן צו תשליך 62

וואָרט מיינס 64

צי לוינט עס נאָך 65

ווערטער 66

ווער ס׳איז היינט נע־ונד 67

לידער פון תפיסה

I געבעט אין דער נאַכט 68

II נאַכט 71

III דער מענטש — אַליין 73

שפעט־הארבסט 75

דער שיפער ברעג	76
שטיקערייען	77
טיי	78
א מעשה׳לע פאר קליינע קינדער און פאר גרויסע דיכטער	79
וואָלפס־בעז	84
אלטע פרויען קויפן בלומען	86
זון־בלומען	87
„וואָסילי־בלאָזשענני"	89
די קוקאווקע	92
דורות	96
חוה	99
רחל	100
שאולס טאָכטער	102
עס האָט אַ זאַנג געצייטיקט זיך אין פעלד	105
ה. לייוויק	106
היים	110

פון רחל ה. קאָרן זענען ביז איצט דערשינען:

„דאָרף", לידער, פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, ווילנע 1928.

„ערד", דערציילונגען, פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע 1936.

„רויטער מאָן", לידער, ביבליאָטעק פון יידישן פ. ע. נ. קלוב, וואַרשע, 1937.

„היים און היימלאָזיקייט", לידער, פאַרלאַג, צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע, 1948.